ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# ספורי האר"י

## אידיש

**676**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# ספורי האר"י

וואונדערליכע מעשיות פון דעם האר"י און זיינע תלמידים,
זייערע הנהגות און מדות טובות.

גענומען פון פארשידענע מקורים

# רבינו יצחק לוריא׳ס געבורט

בערך מיט פיער הונדערט יאָהר צוריק (ה׳ ר״צ) האָט אין ירושלים געוואוינט אַ איד מיט דעם נאָמען רבי שלמה לוריא. דער איד איז געווען אַ גרויסער צדיק און חסיד. און האָט געהאַט אַ ווייב, וועלכע איז אויך געווען אַ גרויסע צדקנית ווי ער. זיי האָבען געלעבט זעהר גליקליך און צופרידען. נאָר איין זאָרג האָבען זיי געהאַט. זיי האָבען ניט געהאַט קיין קינ־דער, און דאָס פלעגט זיי פאַרביטערען דעם לעבען. זיי האָבען געטיילט פיעל צדקה און מתפלל געווען צו גאָט, ער זאָל זיי בענשען מיט אַ קינד

איינמאָל, שוין אין די עלטערע יאָהרען, האָט זיך ר׳ שלמה׳ן גע׳חלום׳ט אַ שרעקליכער חלום. עס האָט זיך פאַר איהם באַווי־זען אַ געטליכע געשטאַלט און צו איהם געזאָגט: „איך בין אליהו הנביא. זיי וויסען, אַז דיין תפלה איז געקומען פאַר גאָט ברוך הוא, אין אַ יאָהר אַרום וועט דיין ווייב האָבען אַ זוהן, וואָס וועט פאַרלייכטען די וועלט מיט זיין גרויס קדושה און געטליכע חכמה. ווען עס וועט קומען צום ברית, זאָלסטו קיינעם ניט לאָ־זען מל זיין דאָס קינד, ביז וואַנען דו וועסט זעהן צוריק מיין געשטאַלט, וואָס דו זעהסט איצט״.

ר׳ שלמה האָט דעם חלום דערצעהלט זיין ווייב און זיי האָבען געגלויבט און געוואַרט דער חלום זאָל מקוים ווערען.

אַזוי איז טאַקי געווען. אין אַ יאָר אַרום האָט ר׳ שלמה׳ס ווייב געבוירען אַ זוהן. אַז עס איז געקומען דער אַכטער טאָג, האָט ר׳ שלמה פאַרבעטען צום ברית אַלע נכבדים און שעהנ־סטע לייט פון ירושלים. מען איז אַלע, צוזאַמען מיט די מוהלים,

וועק אין שוהל מל זיין דאָס קינד. סנדק איז געווען ר׳ שלמה אליין. מען האָט שוין אַלץ צוגעגרייט און געהייסען ר׳ שלמה׳ן האַלטען דאָס קינד, אָבער ר׳ שלמה האָט זיך אַלץ אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען, געזוכט מיט די אויגען און אַלץ אָפּגעלייגט דאָס מל זיין, מיט פערשיעדענע תרוצים, אויף אַ ווײלע שפּע־טער. דאָס האָט ער געוואַרט צו דערזעהן אליהו הנביא אין דעם געשטאַלט, וואָס ער האָט דאַן געזעהן אין חלום. באַלד האָט ער דעם געשטאַלט דערזעהן שטעהענדיג לעם איהם, און אליהו הנביא האָט צו איהם געזאָגט: „געה זעץ זיך אויפ׳ן שטוהל און האַלט דאָס קינד". ר׳ שלמה האָט זיך געזעצט. דאַמאַלט איז אליהו הנביא צוגעגאַנגען און זיך געזעצט ביי איהם אויף די קניע און גענומען דאָס קינד פון ר׳ שלמה׳ס הענד אין זיינע, און דער מוהל האָט מל געווען דאָס קינד.

קיינער האָט ניט געזעהן אליהו הנביא, און אַלע האָבען גע־מיינט, אַז דער פאָטער האָט דאָס געהאלטען דאָס קינד. דעם קינד האָט מען אַ נאָמען געגעבען יצחק לוריא. נאָך דעם ברית האָט אליהו הנביא געזאָגט צום פאָטער: „נעם דאָס קינד אין דיינע הענט און דו זאָלסט וויסען ווי איהם צו שעצען; ער וועט זיין אַ גרויסע און הייליגע ליכט אויף דער וועלט".

עס זיינען אַריבערגעלאָפען די ערשטע יאָהרען פון יצחק׳ס קינדהייט. אַלע האָבען גלייך געזעהן, אַז דער אינגעל וואַקסט אַ גרויסער עלוי. ער האָט אָנגעהויבען לערנען ביי רביים, אָבער מעהר ווי אַ פּאָר חדשים ביי איין רבי האָט ער ניט געקענט לערנען, ווייל ער פלעגט אַריבערשטייגען אַלע חברים און ווי־סען פיעל מעהר פון זיי. צו ניין יאָהר האָט דער קליינער יצחק שוין געוואוסט ש"ס און פוסקים און אַלע גרעסטע גאונים אין ירושלים האָבען זיך געוואונדערט אויף דעם קינד׳ס טיפען שכל

און שארפקייט. די גאונים פלעגען מיט איהם אפט פארברענגען אין לערנען ווי מיט זייערן א גלייכען.

דער פאטער האט געדענקט אליהו הנביא'ס פארזאג און דעם קינד געהיט ווי דאס אויג פון קאפ. ער האט איהם באזארגט מיט אלדאס גוטס און איהם געלערנט ווי זיך צו פיהרען מיט קדושה וטהרה, ער זאל אויסוואקסען א הייליגער מענש.

לאנג האט אבער דער פאטער ניט געקענט לערנען און בעזארגען דעם קינד.

אין א קורצע צייט ארום האט ר' שלמה פארלארען זיין רייכקייט און אנגעהויבען צו ווערען ארעם און נאך א פאר יאהר שפעטער, ווען יצחק'ל האט דערגרייכט דעם עלטער פון צעהן יאהר, איז ר' שלמה פלוצלונג פון עגמת-נפש געשטארבען. דאס קינד איז געבליבען אן ארימער יתום אין די הענט פון זיין עלענדער מוטער. די רייכע בעלי-בתים פון ירושלים האבען זיי געוואלט אויסהאלטען אויף דעם שעהנסטען אופן. נאר די צדקנית, די אלמנה, האט ניט געוואלט נהנה זיין פון צדקה און האט מיט גרוים מיה געזוכט צו פארדינען פאר זיך מיט'ן קינד.

אין א קורצע צייט ארום רופט זיך אפ די מוטער צום קינד: „מיין ליעב יצחק'ל! מיר זיינען איצט זעהר פארארימט, דערצו בין איך צובראכען, שוואך און קראנק. איך האב מעהר ניט קיין כח צו הארעווען. נעהמען ביי פרעמדע וויל איך ניט. איך זאל דיר אפרייסען פון לערנען, דו זאלסט מיר העלפען פארדינען, וויל איך אויך ניט. אלזא איז מיין פלאן, דו זאלסט פאהרען אין אלכסנדריה של מצרים. דארט געפינט זיך מיין ברודער, דער גביר ר' מרדכי פראנסים. ער וועט דיר אויפהאלטען און דו

וועסט לערנען בהתמדה. פאַר מיר אַליין וועל איך זיך דאָ שוין ווי עס איז דורכשלאָגען".

דאָס קינד האָט איינגעשטימט. דער רב פון ירושלים האָט איהם מיטגעגעבען אַ פאַרמאַכטען בריף צום ראש ישיבה אין מצרים, הגאון ר' בצלאל אשכנזי (מחבר ספר שטה מקובצת), און איהם געבענשט אויפ'ן וועג. ער האָט איהם געבענשט מיט הצלחה אין תורה ויראת שמים, ווי אויך מיט אריכת ימים ושנים. ביי דער לעצטער ברכה האָט זיך דאָס קינד שטאַרק פאַרנאַנדערגעוויינט, ווייל ער האָט שוין געוואוסט, אַז קיין אריכת ימים וועט ער ניט האָבען.

ער איז געקומען אין מצרים צו זיין רייכען אָנקעל. דער אָנקעל האָט איהם זעהר פריינדליך אויפגענומען, איהם געגע־בען אַ צימער ביי איהם אין הויז, וואו ער זאָל וואוינען און עסען ביי זיין טיש. ער איז מיט דעם קינד גלייך אַוועק צום ראש ישיבה און איהם איבערגעגעבען דעם פאַרמאַכטען בריף פון ירושלים'ער רב. ווי דער גאון ר' בצלאל אשכנזי האָט אי־בערגעלייענט דעם בריף פון ירושלים'ער רב איז ער אויפגעג־ציטערט געוואָרען. ער האָט זיך באַלד אויפגעשטעלט פון זיין שטוהל לכבוד דעם קינד און מיט איהם אָנגעהויבען צו ריידען אין לערנען. באַלד איז דער רב נשתומם געוואָרען פון דעם קינד'ס גאונות און זיך אָפּגערופען צו דעם אָנקעל: „דאָס וואָס אין בריף שטעהט איז נאָך קיין העלפט ניט פון דעם קינד'ס גרויסקייט. איהר זאָלט וויסען, דאָס קינד איז אַ געטליכע ליכט אויף דער וועלט, און עס איז דער גרעסטער זכות צו האָבען אַזאַ קינד ביי זיך".

אַז דער אָנקעל האָט דאָס דערהערט, האָט ער אַרומגע־כאַפּט יצחק'ן, איהם געהאַלזט און געקושט און געוויינט פון גרויס שמחה. ער האָט איהם אָנגעטאָן נייע קליידער און איהם געהאַלטען ביי זיך מיט גרויס כבוד.

יצחק האָט זיך געזעצט לערנען מיט גרויס התמדה. ער האָט געלערנט טאָג און נאַכט מיט גרויס מתיקות, און אַלע וועלכע האָבען נאָר געהערט זיין זיסע שטימע, אין די לאַנגע ווינטערדיגע נעכט, זיינען כמעט ווי אויסגעגאַנגען פון מתיקות. ער האָט אויך געוויזען גרויסע וואונדער מיט זיינע שאַרפע גאונות. ער פלעגט מיט איין תירוץ פאַרענטפערען אַ סך קשיות מיט אַמאָל, און האָט אַלעמען געפּענט די אויגען צו פאַרשטעהן די טיעפקייטען פון דער תורה.

דערוויל האָט די מוטער, די אַלמנה, זעהר שטאַרק גע־בענקט נאָך איהר זוהן און איז פון בענקשאַפט קראַנק געוואָרען. דאַן האָט יצחק געבעטען דעם אָנקעל, ער זאָל שרייבען, אַז די מוטער זאָל אויך קומען צו איהם. דער אָנקעל האָט איהם געפאָלגט. באַלד איז די מוטער אויך געקומען אין מצרים און זיי האָבען געלעבט אינאיינעם ביים אָנקעל, זיך פרעהענדיג אַלע מיט דעם טייערען קינד.

עס זיינען ווייטער אַריבערגעלאָפען עטליכע יאָהר און יצחק איז אַלט געוואָרען פופצעהן יאָהר.

דער אָנקעל, ר' מרדכי, האָט געהאַט אַ טאָכטער אין דעם זעלבען עלטער, זעהר אַ טייערע און געראָטענע קינד. זי איז געווען שעהן אין אויסזעהן און פאַרמאָגט אויך אַלע שעהנע און גוטע מדות. מען האָט דער מיידעל גערעדט די פיינסטע שדוכים, אָבער באַלד האָט זיך ר' מרדכי אַרומגעזעהן, אַז קיין בעסערען שדוך, ווי צו נעהמען זיין שוועסטער'ס זוהן, יצחק'ן, וועט ער ניט קריגען. ער האָט וועגען דעם גערעדט מיט דער טאָכטער און זי האָט גלייך מסכים געווען און אויך געזאָגט, אַז זייט יצחק וואוינט ביי זיי אין הויז האָט זי נאָך ניט געזעהן אַזאַ מענשען מיט אַלע מעלות.

יצחק'ס מוטער און יצחק אַליין האָבען אויך מסכים גע־וועזן אויפ'ן שדוך, ווייל זיי האָבען גוט געקענט דער טאָכטער

און געוואוסט איהרע מדות. אינגיכען איז געפייערט געוואָרען די חתונה, אויף וועלכע די גאַנצע שטאָט האָט זיך געפרעהט, און אָרימע לייט האָבען געקראָגען די שעהנסטע נדבות.

נאָך דער חתונה האָט דער שווער אויסגעבויט פאַר דער יונגער פאָר אַ שעהנע הויז ביים ברעג פון טייך נילוס אין דעם טייל פון „אַלט-מצרים", וואו די לופט איז זעהר גוט און געזונט.

ער האָט זיי געגעבען אַ סך געלד, כדי זיין איידים זאָל קענען לערנען מתוך הרחבת הדעת.

דער שווער האָט אויך צו איהם גענומען דעם גאון רבי בצלאל אשכנזי, זיי זאָלען צוזאַמען לערנען.

זיבען יאָהר נאָכאַנאַנד, סיי טאָג סיי נאַכט, איז יצחק געזעסען צוזאַמען מיט ר' בצלאל'ן אין גרויס התבודדות אין דער דירה ביים ברעג נילוס און כסדר געלערנט אין נגלה, אין תלמוד און מפרשים. זייער לערנען איז געווען זעהר הויך און זיי האָבען פיעל מחדש געווען אין תורה. דאָרטען האָט דאָס ר' בצלאל אויך געמאַכט דעם ספר שטה מקובצת.

נאָך די זיבען יאָהר איז דער ראש ישיבה אַוועקגעפאָהרען און ערשט דעמאָלט האָט זיך ר' יצחק גענומען מתבודד זיין אין למודי נסתר. אַכט יאָהר נאָכאַנאַנד האָט ער געלערנט מיט גרויס צניעות און קדושה וטהרה. ער האָט מיט קיין מענשען קיין וואָרט ניט גערעדט אויסער אין לערנען.

אַלע פרייטאָג פאַרנאַכט פלעגט ער געהן צום שווער און דאָרט זיין ביי איהם איבער שבת. אין די שבתים פלעגט דעם שווער'ס הויז זיין פול מיט תורה און חכמה. די גרעסטע לייט פון מצרים פלעגען קומען איהם מקבל פנים זיין און מיט איהם ריידען אין תורה. ער פלעגט יעדערן ענטפערן

קורץ און גרויסארטיג. זיינע געשפרעכען צו די בני בית זיינען אויך געווען קורץ און אין לשון קודש. זיין ווייב, וועלכע איז געווען אַ מלומדת, האָט אויך גוט געקענט לשון קודש און זי האָט פאַרשטאַנען איהר מאַנ'ס גדלות. יעדעם וואָרט, וואָס פלעגט אַרויסגעהן פון זיינע ליפען, איז ביי איהר געווען קודש קדשים. זי האָט אַלעם אָנגענומען פאַר גוט און איז געווען גליק-ליך. איהר האָט ניט געאַרט אפילו דאָס, וואָס ער איז געווען פון איהר אָפּגעזונדערט פאַר לאַנגע יאָהרען.

עס האָט גענומען גאָר אַ קורצע צייט און ר' יצחק איז געוואָרען מפורסם איבער דער גאַנצער וועלט, אַלס אַן איש-אלקים, אַ גאון בנגלה ונסתר. די גרעסטע חכמי הקבלה פלעגען פרעגען ביי איהם זאַכען אין קבלה, וואָס זיי האָבען ניט געקענט דערגרייכען און ער פלעגט זיי אַלעם ערקלעהרען. אַלע מיט איין קול האָבען געזאָגט, אַז צו איהם איז קיין גלייכען ניטאָ. מען האָט זיין נאָמען, וואָס יעדער האָט געטראָגען אויף די ליפען, פאַרקירצט און איהם גערופען האר"י הקדוש (ה'רב א'לקי ר'בינו י'צחק).

באלד האָט מען פון אַלע עקען וועלט אָנגעהויבען פאָהרען צו איהם, פרעגען איהם עצות און בעטען זיין ברכה. ער האָט אַלעמען אויפגענומען בסבר פנים יפות. זיינע עצות פלעגען זיך שטענדיג אַרויסווייזען פאַר די קליגסטע, עס האָט קיינמאָל ניט געפעהלט קיין איין וואָרט פון דעם וואָס ער פלעגט זאָגען. אויך זיינע ברכות פלעגען שטענדיג מקוים ווערען. טויזענדער מענ-שען זיינען אויסגעהיילט געוואָרען פון זייערע קראַנקהייטען דורך דעם האר"י הקדוש'ס ברכות.

דער האר"י הקדוש האָט ביי קיינעם פון די עצות-פרעגער אָדער די ברכות-בעטער קיינמאָל קיין געלט ניט פאַרלאַנגט. פאַרקעהרט, ער האָט נאָך די אומגליקליכע געטיילט זעהר פיעל צדקה און זיי אַרויסגעהאָלפען פון זייער שווערער לאַגע. דאָס

האָט איהם נאָך געמאַכט פיעל ליעבער און טייערער ביי דעם עולם און טויזענטער מענשען פלעגען ליגען אַרום זיין וואוי־נונג און וואַרטען אויף זיין ברכה און הילף.

## דעם האר"י'ס תלמידים

ווי דער נאָמען פון האר"י הקדוש האָט אָנגעהויבען צו וואַקסען, האָבען זיך צו איהם אָנגעהויבען ציהען תלמידים פון דער גאַנצער וועלט. דער האר"י האָט מיט אַלעמען געלערנט, כאָטש זעהר ווינציג האָבען געקענט משיג זיין די הויכקייט פון זיין תורה און קבלה.

איינמאָל, נאָך פיעלע יאָהרען וואוינען אין מצרים, האָט זיך צום האר"י הקדוש באַוויזען אליהו הנביא אין חלום און איהם מגלה געווען אַ סך סודות התורה. ער האָט איהם אויך געזאָגט: „דו זאָלסט וויסען, דו וועסט שוין לאַנג ניט לעבען אויף דער וועלט, געה אויף אין ארץ ישראל אין דער שטאָט צפת. דאָרטען וועסטו געפינען אַ תלמיד חכם מיט דעם נאָמען חיים קליפרס (וויטאַל), איהם זאָלסטו ענטפלעקען די גאַנצע סודות התורה און זאָלסט איהם ממנה זיין אויף דיין אָרט. זאָלסט וויסען, אַז ער האָט אַ טייערע נשמה און צוליעב איהם ביזטו דאָס געקומען אויף דער וועלט".

דער אר"י האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און גלייך גע־נומען מקיים זיין דעם חלום. ער האָט זיך באַלד גענומען פאַר־טיג מאַכען צו דער רייזע אין ארץ ישראל.

אין יאָהר ה' של"ה איז דער האר"י מיט זיין משפחה גע־קומען אין צפת. דאָרט האָט קיינער פון איהם ניט געוואוסט

און שטיל האָט דער האר״י געדונגען אַ דירה און זיך באַזעצט אין שטאָט.

אין צפת האָט זיך טאַקע דאַן געפונען אַן אדם גדול, וואָס איז געווען פיעל עלטער פון האר״י, מיט דעם נאָמען חיים וויטאַל. ער איז געווען דער תלמיד פון הגאון ר׳ משה אלשיך און געלערנט די ספרים פון ר׳ משה קורדואירו.

ר׳ חיים האָט פיעל געוואוסט אין קבלה און אַליין גע־מאַכט אַ פירוש אויף דעם זוהר. און זיין קדושה און חסידות איז געווען זעהר גרויס.

אַז דער האר״י איז געקומען אין צפת, האָט ער זיך גע־זעצט לערנען אין בית מדרש. ער האָט געלערנט יומם ולילה און צו קיין מענשען כמעט ניט גערעדט. אויך צו ר׳ חיים׳ען, וואָס צוליעב איהם איז ער דאָס געקומען אין צפת, האָט ער אויך ניט גערעדט, ווייל ער האָט געהאַלטען, אַז דער רבי דאַרף זיך ניט אַנבאָטען מיט תורה, און אַ תלמיד קען דעמאָלט עפּעס דערגרייכען ווען ער זוכט אַליין צו וויסען, און אין זיין האַרצען ברענט דער פייער און די תשוקה צו דער תורה הקדושה.

זעקס חדשים איז אַזוי ר׳ יצחק לוריא געזעסען און גע־לערנט און ר׳ חיים האָט זיך צו איהם ניט געקעהרט. איינמאָל האָט ר׳ חיים אויפגעטאָהן אַ נייעם פירוש אויף אַ מאמר פון ר׳ שמעון בן יוחאי אין זוהר און ער האָט זיך מיט דעם זעהר געפרעהט. האָט ער זיך מיישב געווען, ער וועט פּרואווען דאָס זאָגען ר׳ יצחק׳ן, צו ער וועט דאָס פאַרשטעהן. ר׳ חיים איז צו איהם צוגעגאַנגען און איהם געזאָגט דעם מאמר. אָבער צו זיין גרעסטען וואונדער האָט איהם ר׳ יצחק געוויזען אויף דעם זעלבען מאמר אַזוינע גבורות, ער האָט איהם ענטפּלעקט אַזוינע סודות, אַז ער האָט איהם גאָר אויפגעעפענט די אויגען. ווי פון אַ קוואַל האָבען זיך געגאָסען גאָר אָהן אַן אויפהער טייערע געטליכע געדאַנקען פון ר׳ יצחק׳ס מויל. ר׳ חיים איז געשטאַ־

נען פאַרגאַפּט און איז כמעט צוטומעלט געוואָרען פון גרויס רגש. אויף מאָרגען איז ר׳ חיים געקומען צו זיינע קרעפטען און האָט איהם געפרעגט אַן אַנדער מאמר. ר׳ יצחק האָט איהם מיט דעם מאמר נאָך מעהר איבעראַשט פון דעם ערשטען און ער איז כמעט אויסגעגאַנגען פון מתיקות. אויפ׳ן דריטען טאָג האָט ער איהם געפרעגט אַן אַנדער מאמר פון חז״ל און ר׳ יצחק האָט איהם ווייטער געוויזען געטליכע חכמה. דאַביי האָט ער איהם אויך געזאָגט: „איך האָב נאָך פיעל אופנים דיר צו זאָגען אויף דעם זעלבען מאמר, נאָר גענוג! עס איז ניט כדאי איך זאָל דיר מעהר מגלה זיין, דאָס זיינען צו הויכע ענינים״.

ר׳ חיים איז אַוועק מיט גרויס צער אין האַרצען וואָס ר׳ יצחק וויל איהם ניט אויסזאָגען אַלע סודות התורה.

ער איז געקומען אַהיים, האָט ער אויסגעטאָן זיינע נייע מלבושים, האָט זיך אָנגעטאָן אַ שק ואפר און האָט געוויינט און געבעטען השם יתברך, ער זאָל איהם געבען חן אין די אויגען פון ר׳ יצחק, ער זאָל וועלען פאַר איהם מגלה זיין די סודות התורה.

אויף מאָרגען איז ר׳ חיים געקומען צוריק צו ר׳ יצחק׳ן אין בית המדרש. ער איז געפאַלען צו דער ערד, געקושט ר׳ יצחק׳ן די הענט מיט די פיס, און מיט געוויין געזאָגט: „רבי, אין דעם נאָמען פון גאָט און דער הייליגער תורה בעט איך אייך איהר זאָלט מיר ניט אָפּזאָגען און ניט דערווייטערן פון אייך. לערנט מיר אַלץ און איך וועל זיין אייער תלמיד״.

האָט איהם ר׳ יצחק געענטפערט: „די אַש און דעם זאַק וואָס דו האָסט נעכטען אָנגעטאָן ביי דיר אין הויז האָבען דיר געהאָלפען. איך האָב שוין רשות דיר מגלה זיין די איבעריגע סודות התורה, וואָס איך האָב פון דיר באַהאַלטען״.

פון דעמאָלט אָן איז ר׳ חיים וויטאַל ניט אָפּגעטראָטען פון איהם. אין די קורצע פאַר יאָהר וואָס דער האר״י הקדוש

האָט געלעבט אין צפת האָט ער ר' חיים'ן די אויגען געעפנעט אין אַלע סודות התורה וחכמת הקבלה.

ר' חיים וויטאַל האָט גאָר אַ קליינעם טייל פון די רייד פאַרצייכענט אין אַ ספר, אָבער דאָס איז נאָר געווען ווי אַ טראָפּען אין ים פון די הויכע הייליגע רייד וואָס ער האָט געהערט פון האר"י. ר' חיים האָט ערשט דערזעהן, אַז פריהער האָט ער גאָר ניט געוואוסט, כאָטש ער האָט געמיינט אַז ער איז אַן אדם גדול.

אויסער ר' חיים וויטאַל, האָבען זיך נאָך פיעל תלמידים צוגעקלעפּט צום האר"י אין צפת. נאָר דער גרעסטער, דער תלמיד מובהק, איז געווען ר' חיים. איהם האָט ער מגלה גע־ווען אַלע סתרי־תורה און נאָר אין איהם האָט ער געזעהן אַן אָפּשפּיגלונג פון זיין גייסט און אַ מענש וואָס איז ראוי צו ממלא מקומו זיין.

פון די פּאָר יאָהר וואָס דער האר"י איז געווען אין צפת, האָט די שטאָט אויפגעבליהט, געוואָרען דער מרכז פון תורה ויראה. ווי פון אַ קלאָרע זון האָט זיך פון האר"י הקדוש גע־טראָגען אַ הייליגע ליכטיגקייט און די שטראַהלען האָבען באַ־לויכטען און דערוואַרימט אַ סך הערצער. די תלמידי־חכמים האָבען געלערנט און אַזוי בעלי־בתים האָבען פאַרשעהנערט זייערע מדות און מעשים טובים.

אָבער גיך, גאָר גיך איז די זון אונטערגעגאַנגען. ניט לאַנג האָט דער האר"י הקדוש געלעבט אין צפת. און די נאָהענטסטע פרקים וועלען מיר דערצעהלען פון האר"י הקדוש'ס טויט, דער־וויל וועלען מיר מפסיק זיין און דערצעהלען אַביסעל פון זיינע וואונדער, נסים ונפלאות, וואָס ער האָט אויפגעטאָן מיט דעם כח פון זיין הייליגקייט.

# קורצע מעשיות מיט דעם האַר"י הקדוש

## א.

## וואָס דער האר"י הקדוש מורמעלט פון שלאָף

ווי דערצעהלט, פלעגט דער האר"י הקדוש קומען אויף אלע שבת צו זיין שוועך און דאָרט דעם גאַנץ שבת כמעט מיט קיינעם ניט ריידען, נאָר זיך מתבודד זיין אין תורה ותפלה. שבת בייטאָג פלעגט זיך דער האר"י א ווײַלע צולייגען שלאָפען, ווייל ער פלעגט זאָגען, אַז עס איז אַ מצוה צו שלאָפען אביסעל שבת בייטאָג און דאָס העלפט אַ סך צו עלית נשמה.

איינמאָל, שבת בייטאָג פרשת בלק, איז הרב החסיד רבי אברהם הלוי אַריינגעגאַנגען צום האר"י און האָט איהם גע־טראָפען שלאָפענדיג. ער האָט אָבער באַמערקט, ווי זיינע ליפען שאָקלען זיך און ער מורמעלט עפּעס פון שלאָף. האָט זיך רבי אברהם איינגעבויגען און צוגעלייגט דעם אויער הערען וואָס ער רעדט. דערווייל האָט זיך דער האר"י אויפגעכאַפּט און דערזעהן ר' אברהמ'ן שטעהענדיג איבער איהם, האָט ער איהם געפרעגט: „וואָס טוסטו דאָס, ר' אברהם?" האָט ר' אברהם געענטפערט: „זאָל מיר דער רבי מוחל זיין, איך בין אַריין און האָב באַמערקט ווי דער רבי שקאָלעט עפּעס מיט די ליפען, האָב איך דאָס געוואָלט הערען, וואָס דער רבי רעדט". האָט איהם דער האר"י געזאָגט: „שטענדיג ווען איך שלאָף, געהט מיין נשמה אַרויף אין דער הויך דורך וועגען און שטעגען וואָס זיי־נען מיר באַקאַנט. מלאכי השרת קומען מיר אַנטקעגען, נעמען מיין נשמה, ברייגנען איהר פאַר דעם מטטרון, און ער פרעגט מיר אין וואָסער ישיבה וויל איך געהן. קלויב איך אויס יעדעם

מאָל אַן אַנדער אָרט, און אין יעדער ישיבה הער איך אַזוינע סודות ורזי תורה, וואָס זיינען קיינמאָל ניט געהערט געוואָרען מזמן התנאים".

רופט זיך אָפּ ר' אברהם: „רבי, וויבאַלד עס האָט זיך מתגלגל געווען דער זכות אַז איהר האָט דאָס מיר דערצעהלט, אפשר וועט איהר מיר זאָגען, וואָס איהר האָט נאָר וואָס געלערנט?" האָט דער האר"י אַ שמייכעל געטאָן און געזאָגט: „איך נעם פאַר עדות דעם הימעל און די ערד, ווען איך זאָל דרשה'נען אָהן גוזמא אַכט יאָהר נאָכאַנאַנד, וועל איך ניט קענען ענדיגען, וואָס איך האָב נאָר דעם מאָל געלערנט אין דער פרשה פון בלעם מיט'ן אייזעל".

---

ב.

## ווי דער האר"י הקדוש פאַרמיידט אַ היישעריק פון צפת

איינמאָל איז געזעסען דער האר"י מיט זיינע תלמידים און געלערנט. פלוצלינג רופט ער זיך אָפּ צו זיי: „טייערע תלמידים! איך הער יעצט אַ כרוז פון בית דין של מעלה, אַז אַ שרעקליכער היישעריק וועט אָנפאַלען אין דעם גרענעץ פון שטאָט צפת און אַרום. דער היישעריק וועט אָפּעסען אַלע פרוכט פון די בוימער, די תבואה פון די פעלדער און אפילו די גראָזען פון דער ערד. עס וועט ניט בלייבען קיין שפייז פאַר די איינוואוינער און אַ שרעקליכער הונגער וועט פייניגען אַלעמענס געמיטער".

די תלמידים זיינען געוואָרען אויפגעציטערט און איהם געפרעגט: „רבי, צי איז שוין די גזירה פאַרפאַלען און מען קען איהר ניט אָפּהאַלטען און אומקעהרען צוריק?“

האָט דער האר״י אַ ווײלע אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט: „מיינע קינדער! ביים ענדע פון שטאָט, אין אַ נידעריגע איינגעפאַלענע הייזעל וואוינט אַ תלמיד-חכם, ר׳ יעקב אלתרין. שוין איבער אַ מעת-לעת ווי דער תלמיד-חכם זיצט אַ הונגעריגער און ווײנט פון צער. זיין געוויין האָט מען געהערט אין פמליא של מעלה און מען האָט אויסגעפונען, אַז די איינוואוינער פון צפת טוען אַ גרויסען אונרעכט, וואָס זיי פאַרזעהן דעם תלמיד-חכם און שטיצען איהם ניט. דעריבער האָט מען דאָס גוזר געווען, אַז דער היישעריק זאָל אַלץ אָפּעסען און עס זאָל אויסברעכען אַ הונגער אין צפת“.

די תלמידים האָבען גלייך גענומען אויפקלייבען נדבות פאַר ר׳ יעקב אלתרין. דער האר״י אַליין האָט געגעבען די ערשטע נדבה פופציג רענדלאַך, און די תלמידים די איבעריגע, און צוויי תלמידים זיינען מיט די געלט אַוועק צו ר׳ יעקב׳ן אין הויז.

אַז זיי זיינען אַריין צו איהם אין הויז, האָבען זיי איהם געטראָפען וויינענדיג. די בני-בית זיינען געזעסען פאַרחלש׳טע פון הונגער אַרום טיש. אויך זיינען זיי געווען זעהר דורשטיג, ווייל די ליימענע פאַס, אין וואָס זיי האָבען געהאַלטען דאָס וואַסער, האָט זיך צובראָכען און זיי האָבען ניט געהאַט קיין געלט אָפּצוקויפען אַן אַנדערע און ניט געקענט אָנקלייבען די וואַסער.

די תלמידים האָבען דעם תלמיד-חכם איבערגעגעבען די געלט און איהם געבעטען ער זאָל מתפלל זיין, אַז גאָט ברוך הוא זאָל מבטל זיין די גזירה פון צפת.

ר׳ יעקב האָט זיך געשטעלט און אויסגערופען בקול, אַז ער איז מוחל די אידען פון צפת. פאַרוואָס זיי האָבען איהם גע-

לאָזט ליידען הונגער, און מתפלל געווען, דער אייבערשטער זאָל אומקעהרען די גזרה.

די תלמידים האָבען זיך אומגעקעהרט צו דעם האר"י. אין אַ פּאָר שעה אַרום האָבען אַלע געזעהן, ווי אַ שוואַרצער וואָל־קען האָט באַדעקט דעם הימעל, און גרויסע מחנות היישעריקען האָבען זיך דורכגעצויגען פאַרביי. באַלד איז אויך פון מזרח זייט אָנגעקומען אַ שטאַרקער ווינט און האָט די היישעריקען פאַר־טריבען אין ים הגדול.

פון דעם נס האָבען זיך באַלד דערוואוסט אַלע אידען פון צפת און האָבען געדאַנקט גאָט, וואָס זיי האָבען ביי זיך געהאַט דעם איש האלקים, וועלכער האָט זיי געראַטעוועט פון הונגער און אונטערגאַנג, ר"ל.

ג.

## דער טויט פון האר"י'ס זוהן

איינמאָל האָט דער האר"י געלערנט מיט די תלמידים אין פּעלד די סודות פון גלות מצרים. ווען עס איז געקומען צו פּרשה פנחס אין זוהר וועגען דעם ענין פון די אותות פון האַנט און פון נחש, וואָס גאָט האָט געוויזען דורך משה'ן, האָט דער האר"י בשום אופן ניט געוואָלט ענטפּלעקען פאַר די תלמידים די טיפע סודות און כונות וואָס איז פאַראַן אַרום די נסים. ער האָט זיי געזאָגט, אַז אפילו משה רבינו און רבי שמעון בן יוחאי, דער בעל הזוהר, האָבען דאָס מורא געהאַט צו ענטדעקען.

זיין תלמיד מובהק, ר' חיים וויטאַל, האָט איהם אָבער זעהר שטאַרק מפציר געווען ער זאָל דאָס איהם פאַרטרויען.

ער האָט פאַר דעם האר״י געוויינט און געקלאָגט ביז דער האר״י האָט עס פאַר איהם ענדליך מגלה געווען. באַלד אָבער נאָך דעם האָט זיך דער האר״י פאַרנאַנדערגעוויינט און אויסגעשריען: „ברוך דין אמת״. אַ לאַנגע צייט האָבען די תלמידים צו איהם ניט געקענטריידען. ער איז ארומגעגאַנגען צוטראָגען און פול מיט צער. אין אָווענד האָט ער זיך אַביסעל באַרוהיגט, האָבען זיי איהם געפרעגט וואָס באַדייט זיין צער און וויינען? האָט ער זיי געזאָגט, אַז דערפאַר וואָס ער האָט מגלה געווען די סודות פון קבלה פאַר ר׳ חיים וויטאַל איז נגזר געוואָרען מן השמים, אַז זיין זוהן משה זאָל נפטר ווערען אין זיבען טעג ארום.

אזוי איז טאַקע געווען. ענדע וואָך, פרייטאָג, איז דער האר״י מיט זיינע תלמידים געקומען פון פעלד אַהיים. אַז ער איז אריין אין הויז, האָט ער זיך ארומגעקוקט ארום און גלייך געפרעגט דער רבנית, וואו איז זייער זוהן משה. ענטפערט די רבנית: „עס איז שוין אַ פאַר שעה ווי ער איז געקומען פון חדר און זיך געקלאָגט אַז דער קאָפּ טוט איהם וועה. איך האָב איהם אין דעם אַנדער חדר געלעגט אויפ׳ן בעט״.

דער האר״י מיט ר׳ חיים וויטאַל זיינען גלייך אריין אין יענעם חדר און געפונען דעם זוהן ליגענדיג אין גרויסע היץ. דער האר״י מיט ר׳ חיים האָבען מתפלל געווען, אָבער עס האָט גאָר ניט געהאָלפען. צום סוף פון די זיבען טעג איז דאָס קינד געשטאָרבען, ווי דער האר״י האָט פאָרגעזאָגט.

אַז דאָס קינד איז געשטאָרבען און עס זיינען אריבער די זיבען טעג פון אבלות, האָבען די תלמידים מורא געהאַט צו קו־מען צום האר״י לערנען, ווייל צוליעב זיי האָט ער דאָך אָנ־געוואָהרען זיין טייערען קינד. אָבער דער האר״י האָט זיי גע־שיקט רופען און צו זיי געזאָגט: „מיינע ליבע תלמידים! מיינט ניט אַז צוליעב דעם אונגליק וועל איך שוין מיט אייך אויפ־

הערען צו לערנען. ווען עס וואָלט חס-ושלום נגזר געוואָרען, אז אלע מיינע קינדער זאָלען שטאַרבען צוליעב דעם לערנען, וואָלט איך אויך ניט פאַרמיידען צו לערנען די תורה אפילו אויף איין שעה״.

באַלד נאָך דעם אונגליק האָט אָבער דער האר״י געהאַט א טרייסט. זיין איין איינציגע טאָכטער, זעהר א גראַטענע און א מושלמת אין חכמה און מעשים טובים, האָט חתונה געהאַט מיט דעם זוהן פון דעם גרויסען מקובל ר׳ יוסף קרא (מחבר פון שלחן ערוך), וועלכער איז אויך געוועזען אן אדם גדול.

דער האר״י האָט זיך מיט דעם שדוך געפרעהט און דאָס האָט אביסעל פאַרזיסט זיין גרויסען צער.

## ד.

## ווי דער האר״י פאַרזאָרגט אָרימעלייט תלמידי-חכמים אויף פסח

דער האר״י פלעגט אויפרופען אסיפות און פלעגט אָנזאָגען די גרעסטע לייט פון דער שטאָט אין מצרים, זיי זאָלען זיך מקדים זיין באַצייטענס ארומזועהן די אָרימע לייט, וועלכע האָבען ניט אויף פסח. מען זאָל זיי באַזאָרגען מיט מצות און וויין, עס זאָל ח״ו ניט קומען צו א מכשול פון חמץ בפסח. ער אַליין פלעגט געבען קהל די גרעסטע נדבה. כאָטש קהל פלעגט זיך באַמיהען אויסזוכען אַלע אָרימעלייט, פלעגט זיך דער האר״י ניט באַנוגענען, און פלעגט אַליין אין דער שטיל אויסגעפינען אָרימעלייט נכבדים און זיי געבען מתן בסתר.

אין דער שטאָט איז געוועזען א פאַרבאָרגענער צדיק, וועל-כער פלעגט לעבען מיגיע כפו. ער איז געוועזען אָרים און דאָך

פלעגט ער זיך נאָך טיילען מיט זיין לעצטען ביסען מיט נאָך אָרימע לייט.

איין יאָהר, ראש חדש ניסן, איז דער צדיק קראַנק געוואָרען און ניט געקענט פאַרדינען. ער מיט זיין הויז-געזינד האָבען אָנגעהויבען צו ליידען דחקות. פון אָנפאַנג האָבען זיי נאָך געהאַט אָפּגעשפּאָרטע עטליכע רענדלאַך, אָבער וואָס אַ טאָג ווייטער איז אַלץ געוואָרען ערגער. עס איז געקומען צו דעם, אַז זיי האָבען פשוט גענומען אויסגעהן פון הונגער. דאָ האָט זיך אויך דערנעהנטערט דער יום טוב פסח און זיי האָבען ניט געהאַט קיין זאַך אויף יום טוב. אין שטאָט האָט פון זיי קיינער ניט געוואוסט, און דער צדיק איז אויך ניט געגאַנגען בעטען, ווייל ער האָט ניט געוואָלט נהנה זיין פון צדקה. ער האָט געטרייסט זיין משפחה, אַז מען זאָל האָבען בטחון אין גאָט, אַז ער וועט זיי ניט פאַרלאָזען.

דער האר"י האָט ברוח קדשו געוואוסט פון דער מעשה. אַ עס איז געקומען ערב פסח, האָט ער געבעטען אַ תלמיד, ער זאָל פאַר איהם צוגרייטען פאַרשטויבטע קליידער מיט אַ שטעקען אין האַנד און ער זאָל קיינעם פון דעם ניט דאַכטען. דער תלמיד האָט געטאָן ווי דער האר"י האָט איהם געהייסען.

דער האר"י האָט אָנגעטאָן די מלבושים און איז בסתר אַרויס אין גאַס און זיך אַרומגעדרעהט אַרום די הויז פון דעם פאַרבאָרגענעם צדיק. דער צדיק איז אַ ווײַלע אַרויס אין גאַס, זיך אַרויסשלאָגען דעם צער פון קאָפּ. ערשט ער זעהט פון ווייטען אַן אורח געהט. דער פרעמדער איז געגאַנגען מיט פאַרשטויבטע קליידער, געטראָגען אַ שטעקען אין האַנד און אַ פּעקעל אויפ'ן פלייצע. דער צדיק האָט איהם געגעבען שלום און איהם געפרעגט, וואָס זוכט ער דאָ אין גאַס? האָט איהם דער אורח געענטפערט: „איך בין אַן אורח, און אַן אורח ערב פסח זוכט אַן אָרט וואו צו זיין יום טוב בהכשר". זאָגט צו איהם

דער צדיק: „איהר וועט זיין צוזאַמען מיט מיר יום טוב". דער אורח האָט מיט שמחה מסכים געווען און געגעבען איהם הונדערט רענדלאַך, ער זאָל איינקויפען אַלעס אויף יום טוב. דער צדיק האָט איהם געפרעגט ווי מען רופט איהם? האָט דער אורח געענטפערט: „רבי נסים". דער צדיק האָט געבראַכט דאָס געלט דער ווייב און אין הויז איז געוואָרען ששון ושמחה. די ווייב האָט צוגעגרייט אַ יום טוב כיד המלך און די קינדער האָבען אויסגעפוצט די הויז אַז עס האָט געלויכטען אין אַלע ווינקעלאַך.

ערב פסח ביינאַכט, מען איז שוין געגאַנגען פון די שוהלען, דער צדיק איז געקומען אַהיים און געוואַרט אויפ'ן אורח, אָבער דער אורח איז ניט געקומען. ער איז אַרוים אין גאַס אויף דעם אָרט, וואו ער האָט איינדערפריה באַגעגענט דעם אורח, אָבער ער האָט דאָרט קיינעם ניט געטראָפען. האָט זיך דער צדיק געכאַפּט, אַז דער אורח האָט איהם געזאָגט, אַז זיין נאָמען איז רבי נסים, דאָס האָט ער געמיינט טאָן מיט איהם נסים און דאָס איז געווים געווען אַ מלאך פון הימעל איהם צוגעשיקט געוואָרען ער זאָל האָבען פון וואַנען צו מאַכען פסח.

דער תלמיד האָט קיינעם פון דער מעשה ניט דערצעהלט. עס איז פאַרבליבען אַ סוד און נאָר יחידי סגולה האָבען גע־וואוסט, אַז דער אורח איז דאָס געווען דער האר"י אַליין, וועלכער האָט זיך פאַרשטעלט ווי אַ פרעמדער, אום צו געבען דעם צדיק אויף פסח.

## ה.

# דעם האר״י׳ס השגות

איינמאָל, ווען דער האר״י הקדוש איז געזעסען און גע־לערנט תורה מיט די תלמידים, האָט זיך פלוצלינג געעפענט די טהיר און אַ יונגער בחור׳ל איז אַריינגעגאַנגען עפּעס פרעגען ביי דעם האר״י. ווי דער האר״י האָט איהם דערזעהן איז ער אויפגעציטערט געוואָרען, האַסטיג זיך אויפגעשטעלט און אויס־געשריען „ברוך הבא״. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען, גענומען דעם בחור׳ל ביים האַנד און איהם געזעצט לעבען זיך. דער האר״י האָט מיט איהם לאַנג פאַרבראַכט אין תורה. אַז דער בחור׳ל איז אַוועקגעגאַנגען, האָבען אַלע תלמידים געפרעגט דעם האר״י, וואָס באַדייט דאָס, וואָס ער איז געוואָרען דער־שראָקען און זיך פאַר אַזאַ קינד געשטעלט?

האָט זיי דער האר״י געזאָגט: „ניט פאַר דעם בחור׳ל האָב איך זיך דאָס געשטעלט, נאָר פאַר דעם גרויסען תנא רבי פנחס בן יאיר, וועמענס גרויסע און הייליגע נשמה האָט געלויכטען ווי אַ זייל פייער אויף דעם קאָפּ פון דעם יונגען בחור״.

ווען די תלמידים האָבען איהם געפרעגט, מיט וואָס האָט דאָס דער בחור׳ל זוכה געווען? האָט ער זיי דערצעהלט, אַז דער בחור׳ל האָט היינט געטאָן אַ גרויסע מצוה פון פקוח נפשות מיט אַ ריינעם געפיהל און אַ הייליגע כונה, און מיט דעם האָט ער צוגעטראָפען די אייגענע כונה פון רבי פנחס בן יאיר, דע־ריבער האָט עס איהם באַגליִיט דעם תנא׳ס הייליגע נשמה.

ר׳ חיים וויטאַל, ווי ער האָט נאָר דערהערט די מעשה פון האר״י, איז באַלד אַרויסגעלאָפען פון הויז און אָנגעיאָגט דעם בחור און איהם משביע געווען, אַז ער מוז איהם מגלה זיין

דעם גאַנצען אמת. האָט איהם דער בחור דערצעהלט אַ גאַנצע מעשה:

„איך בין היינט אויפגעשטאַנען פאַרטאָג און געגאַנגען אין בית המדרש. געהענדיג האָב איך פלוצלינג דערהערט אַ גרויס יאָמער און געוויין אין אַ אידישע הויז. איך בין אַריין אין הויז הערען וועגען וואָס מען וויינט, האָב איך דערזעהן ווי דאָס גאַנצע הויז־געזינד געהט נאַקעט און באָרפוס און קיינער האָט ניט פשוט אין וואָס אַרויסצוגעהן. זיי האָבען מיר דערצעהלט, אַז גנבים און מערדער זיינען זיי באַפאַלען די נאַכט און צוגע־נומען אַלעם וואָס זיי האָבען געהאַט. בין איך אַוועקגעלאָפען אהיים און געבראַכט אַלע מיינע זאַכען און העמדער און אַלע־מען באַקליידט. איך האָב פאַר זיך איבערגעלאָזען נאָר דעם מלבוש, וואָס איך געה איצט, נאָר צו באַדעקען מיין לייב, אָבער די העמד האָב איך זיי אפילו די לעצטע אָפּגעגעבען".

ר׳ חיים האָט געהאַלזט און געקושט דעם יונגען בחור׳ל און דערצעהלט אַלע תלמידים די מעשה ווי אויך דעם האר״י׳ס השגות, וואָס האָט דאָס אַלעס געזעהן.

שפּעטער איז פון דעם בחור׳ל אויסגעוואַקסען דער באַ־ריהמטער גאון וצדיק רבי שמואל די אוזידא (מחבר פון מדרש שמואל), וואָס האָט באַלויכטען זיין דור מיט זיין קדושה און חכמה.

ו.

## דער תיקון פון אַ נשמה

דער האר״י, איידער ער פלעגט אָננעהמען אַ תלמיד, פלעגט ער איהם גוט אויספּרובירען צו ער איז מסוגל צו לערנען למודי נסתר, קבלה. די, וועלכע ער פלעגט זעהן אַז זיי זיינען ניט ראוי

צו דעם, האָט ער געהייסען פאַהרען ערגעץ אין אַ ישיבה און לערנען תלמוד.

איינמאָל איז צו איהם געקומען לערנען סתרי-תורה אַ יונ-גערמאַן אַ תלמיד-חכם. האָט איהם דער האר"י געפרעגט, אויב ער האָט שוין אַ ווייב. האָט איהם דער תלמיד-חכם געזאָגט, אַז ער איז נאָך אַ בחור. זאָגט צו איהם דער האר"י: „אויב אַזוי, נעם פריהער אַ ווייב, אַן אשה צנועה, דערנאָך וועל איך דיר אַריינרעכענען צווישען מיינע תלמידים". פרעגט איהם ווייטער דער בחור: „רבי, וואו געפינט זיך מיין זיווג?" האָט אויף דעם דער האר"י געזאָגט: „ל ע ת ע ת ה אין מצרים. פאָהר דאָרט אַוועק, און אַז דו וועסט קומען אין מצרים, זאָלסטו זיך זעצען לערנען אין קלויז פון הגאון רבי בצלאל אשכנזי און אין אַ קורצע צייט אַרום וועט מען דיר ריידען אַ שידוך, זאָלסטו צום שדוך מסכים זיין, ווייל דאָס איז דיין זיווג לעת עתה".

דער תלמיד-חכם האָט זיך געזעגענט מיט'ן האר"י און איז אַוועק אין מצרים. ער האָט זיך געזעצט לערנען און איז באַלד באַריהמט געוואָרען פאַר זיין גרויס חכמה.

אין אַ קורצע צייט אַרום האָט מען איהם פאָרגעלייגט אַ שדוך מיט אַ יתומה, וועלכע האָט געהאַט צוויי הונדערט רענד-לאַך נדן. דער בחור האָט אויף דעם שדוך מסכים געווען און גאָר אין גיכען איז געפראַוועט געוואָרען די חתונה מיט גרויס פּאַראַד, און אַלע חכמי העיר האָבען זיך אין איהר באַטייליגט.

די יתומה האָט געשטאַמט פון אַ פיינע הויז און איז געווען אַ געטרייע פרוי צו איהר מאַן. זי האָט געזעהן, ער זאָל זיצען יומם ולילה און לערנען און זי האָט געעפענט אַ קראָם און זיך פון דעם מפרנס געווען. זיי האָבען געלעבט זעהר גליקליך.

די שמחה האָט אָבער ניט לאַנג אָנגעהאַלטען. אַרום אַכט מאָנאַטען נאָך דער חתונה האָט זיך די ווייב פאַרקיהלט און

געוואָרען קראַנק. זי איז אַפּגעלעגען אַ קורצע צייט אין בעט און איז געשטאָרבען.

אַ צובראָכענער און אַ נידערגעשלאָגענער פון צער און עלענד האָט דער תלמיד־חכם שוין מעהר ניט געוואָלט זיין אין מצרים און איז אַוועק צוריק אין ארץ ישראל, צו לערנען תורה ביים האר"י הקדוש און אין דעם געפינען אַ טרייסט.

מיט אַ פאַרטרויערטען פנים איז ער אַריין צום האר"י און געבעטען ער זאָל איהם אָננעמען צווישען זיינע תלמידים. זאָגט צו איהם דער האר"י: „איך זעה, אַז דיר איז אַ גרויסע פליאה, וואָס איך האָב דיר פאַרזאָגט געהן אין מצרים טאָן אַ שדוך און אַט וואָס האָט זיך פון דעם אויסגעלאָזט? וועל איך דיר מגלה זיין, מיין קינד, אַ סוד, וועסטו שוין פאַרשטעהן און זיך ניט מתרעם זיין אויף גאָטס וועגען".

„וויסען זאָלסטו, אַז די נשמה פון דער יתומה איז שוין אַמאָל געווען אויף דער וועלט מיט אַ דור פריהער. אויך דיין נשמה איז אַ גלגול פון פריהעריגען דור. איהר זייט דאַמאָלסט געווען ביידע שותפים און דער יתומה'ס נשמה האָט דיר דע־מאָלט איבערגעפיהרט דיינע צוויי הונדערט רענדלאַך. מען האָט דעריבער מן השמים גוזר געווען, אַז די נשמה זאָל קומען נאָך אַמאָל אויף דער וועלט מתקן זיין די גרויסע זינד פון גזלה. זי איז דעריבער געוואָרען דיין זיווג אויף אַ קורצע צייט. דו האָסט אָפּגענומען דיינע צוויי הונדערט רענדלאַך מיט דעם נדן און איהר נשמה איז מיט דעם מתוקן געוואָרען און זי האָט מעהר ניט געהאַט וואָס צו טאָן אויף דער וועלט".

דער תלמיד־חכם האָט זיך געטרייסט. ער האָט געלערנט בהתמדה אַ לאַנגע צייט און דערנאָך חתונה געהאַט נאָכאַמאָל אין ארץ ישראל און געוואָרען פון די באַריהמטע גאונים אין לאַנד.

ז.

# דער האר"י לערנט די תלמידים אַז דער עיקר איז די כונה

פרייטאָג צו נאַכט פלעגט דער האר"י מקבל ש.ת זיין צו־זאַמען מיט זיינע תלמידים. נאָך קבלת שבת פלעגן אַנדערע אויך בלייבן מיט איהם ביים טיש.

איינמאָל האָט דער האר"י אָנגעזאָגט אַלע זיינע תלמידים זיי זאָלן אַלע עסן די סעודת שבת מיט איהם צוזאַמען.

אָבער אויך דער ווייב האָט ער אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל ניט באַקען קיין חלה אויף שבת. איז עס ביי אַלעמען געווען אַ גרויסער וואונדער. נאָר קיינער האָט ניט מעיז געווען און איהם ניט געפרעגט און געוואַרט זעהן, וואָס וועט דאָ זיין.

אַז עס איז געקומען פרייטאָג צו נאַכט, זיינען אַלע תלמידים געזעסן אַרום ליידיגען טיש און קיין חלה איז אויף דעם טיש ניט געווען.

דער האר"י האָט געמאַכט קדוש אויף וויין מיט גרוים כונה און נאָך קדוש זאָגט ער צו אַ תלמיד:

„געה רוף אַהער צום טיש פנחס ב"ר בנימין פון דרום זייט שטאָט, מיט זיין ווייב".

דער תלמיד איז אַוועק, אָבער ביי וועמען ער האָט זיך נאָר געפרעגט אויף דעם נאָמען „פנחס ב"ר בנימין", האָט קיי־נער ניט געוואוסט פון אַזאַ נאָמען.

איינער אַן אַלטער מאַן פון דעם טייל שטאָט האָט איהם געזאָגט, אַז דאָ געפינט זיך יאָ אייזער פנחס, אָבער ער איז אַ גרויסער עם הארץ און גראָבער יונג און עס איז אַ גרויסער ספק צו איהם האָט דאָס דער האר"י געמיינט. אַז דער תלמיד

האָט ניט געפונען קיין אַנדערן, האָט ער געבראַכט דעם פּנחס'ן דעם עם הארץ מיט זיין ווייב.

אַז דער האר"י האָט זיי דערזעהן, האָט ער זיך דערפרעהט און פאַר זיי געמאַכט אַן אָרט אויבען־אָן לעבען זיך.

דערנאָך האָט דער האר"י געשיקט רופען דעם שמש פון שוהל און צו איהם געזאָגט: „געה נעם אַרויס פון ארון קודש די חלות און ברייננ זיי אַהער".

אַן איבעררַאשטער איז דער שמש געלאָפען און געבראַכט צוועלף גרויסע חלות, וועלכע האָבען פאַרלויכטען דעם טיש.

דער האר"י האָט צושניטען די חלות, איינגעטיילט אַלעמען ביים טיש און געזאָגט:

„דער פּנחס ב"ר בנימין האָט געהערט דעם רב פון שטאָט זאָגען אַ דרשה אין דעם ענין פון לחם הפנים. דער רב האָט דערצעהלט, אַז אַלע פרייטאָג האָט מען געבראַכט אין בית־המקדש י"ב חלות. ער האָט דערביי דערקלעהרט די געטליכ־קייט פון די י"ב חלות, וואָס פון זיי איז געוועזען אַ גרויסע השפעה אויף אַלע תבואות און פרוכט פון דער וועלט. ער, פּנחס, מיט זיין ווייב, — האָט דער האר"י ממשיך געוועזן, — זיינען פּראָסטע מענשען, אָבער צדיקים תמימים. און ווי פּנחס האָט דאָס דער־הערט, איז ער אַוועק צו זיין ווייב און צו איהר געזאָגט, הער, מיין ווייב, קיין קינדער האָב איך ניט, קיין תלמיד־חכם בין איך אויך ניט, היינט וואָס פאַר אַ נחת רוח קען איך טאָן צום רבונו של עולם? איז מיין עצה, אַזוי ווי איך האָב היינט גע־הערט דעם רב ריידען וועגען די י"ב חלות, זאָלען מיר באַקען אַלע פרייטאָג צוועלף חלות און דאָס אַריינלייגען אין ארון קודש. און דאָס וועט זיין פאַררעכענט פאַר אַ קרבן צו גאָט ברוך הוא. זיין ווייב האָט מסכים געוועזן און שוין מעהר ווי אַ האַלב יאָהר אַז פּנחס לייגט אַלע פרייטאָג אַריין צוועלף חלות

אין אָרון קודש און מיינט אַז גאָט ברוך הוא נעמט זיי ביי איהם צו און עסט זיי אויף".

די תלמידים האָבען זיך פאַרנאַנדערגעלאַכט. דער האר"י האָט זיך אָבער באַלד אויפגעשטעלט און געזאָגט:

„לאַכט ניט פון פנחס'ן. ווען איהר וואָלט זעהן די שמחה בפמליה של מעלה יעדען ערב שבת ווען פנחס'עס ווייב באַקט די חלה און ער טראָגט זיי שטילערהייט אין שוהל. עס איז געווען אַ כרוז, אַז זייט חורבן בית המקדש האָט נאָך כביכול אַזאַ נחת ניט געהאַט, ווי פון דער הייליגער כוונה, וואָס די פאַר-פאָלק האָבען יעדע וואָך, ביי דעם ברײנגען די חלות. פנחס און זיין ווייב'ס ריינע כוונות זיינען טאַקי ביי גאָט ברוך הוא פאַררעכענט פאַר קרבנות".

„אָבער ווער האָט פאָרט צוגענומען די חלות?" האָבען די תלמידים זיך געוואונדערט.

„לאָמיר פרעגען דעם שמש". האָט דער האר"י געזאָגט.

דער שמש, וועלכער איז בעת-מעשה געווען ביים טיש, איז געוואָרען רויט ווי פייער און געזאָגט:

„הייליגער רבי! איך בין זיך מודה, אַז איך פלעג דאָס אַלע שבת פאַרטאָג אַרויסנעמען די צוועלף חלות פון אָרון קודש און איך האָב ניט געוואוסט וועמענס זיי זיינען".

שפּעטער נאָכ'ן עסען האָט דער האר"י גערעדט צו פנחס'ן און איהם ערקלעהרט, אַז פאַר גאָט דאַרף מען ניט ברײנגען קיין חלה, דאָס האָט מען נאָר אין בית המקדש געטאָן. און ער האָט איהם מיט זיין ווייב געבענשט מיט אריכת ימים.

ח.

# מעשה וועגען האר"י'ם שוועסטער און איהר זוהן

דער האר"י הקדוש האָט געהאַט איין שוועסטער. די שוועסטער האָט געהאַט אַ גרויסען צער. עס זיינען אַריבער פיעל יאָהר נאָך איהר חתונה און זי האָט ניט געהאַט קיין קינד. זי פלעגט שטענדיג וויינען און בעטען איהר ברודער, דעם האר"י, ער זאָל איהר בענשען. זי פלעגט צו איהם טענה'ן, „ווען דו העלפסט די גאַנצע וועלט פרעמדע מענשען, קענסטו אויך העלפען דיין אייגענע שוועסטער". דער האר"י פלעגט זיך אַלץ אַרויסדרעהען פון איהר און איהר ניט ענטפערען, ווייל ער האָט געזעהן, אַז מן השמים איז אַזוי אָנגעשריבען, אַז זי דאַרף ניט האָבען קיין קינדער.

איינמאָל איז אָבער די שוועסטער צו איהם צוגעשטאַנען און איהם ניט אָפּגעלאָזט, ער זאָל איהר נאָר בענשען. זי איז געפאַלען צו זיינע פיס, געשריען און אַזוי ביטער געוויינט, אַז דער האר"י האָט ניט געקענט ביישטעהן.

ער האָט איהר געבענשט, אַז אויפ'ן אַנדערן יאָהר וועט זי האָבען אַ זוהן. ער האָט איהר אויך אָנגעזאָגט, אַז דאָס קינד וועט זיין אַ גרויסער תלמיד-חכם, נאָר זי מוז זיך זעהר היטען איהם ניט ריהמען און זעהן וואָס מעהר באַהאַלטען זיין גרויס-קייט, ווייל דאָס קינד איז אויסגעבעטען שלא כדרך הטבע און די קלענסטע עין הרע קען איהם שאַדען.

אַזוי איז געווען. אין אַ יאָהר אַרום האָט זי געבוירען אַ זוהן. דאָס קינד איז אונטערגעוואַקסען און אָנגעהויבען לערנען. מען האָט גלייך געזעהן, אַז דאָס קינד איז אַן עלוי און וואַקסט אַן אָדם גדול. דער פאָטער האָט פאַרגעסען דעם האר"י'ם פאַר-זאָג און זיך באַריהמט מיט זיין קינד, וועלכע הויכע כשרונות

דאָס קינד פאַרמאַגט. אויף מאָרגען האָט זיך דאָס קינד אָנגעהויבן באַקלאָגען אַז איהם טהוט וועה אין אויער. באַלד איז ער געוואָרען טויב און גאָר ניט געהערט. די מאַמע איז תיכף אַוועקגעלאָפען צו איהר ברודער דעם האר"י. זי האָט ווידער געוויינט און געקלאָגט און געבעטען רחמים פאַר איהר קינד.

דער האר"י האָט איהר אויסגערעדט, פאַר וואָס זיי האָבען ניט געהיט זיין פאַרזאָג, און האָט דאָס קינד געבענשט. דער אינגעל האָט באַלד ווידער אָנגעהויבען הערען און צוריק זיך גענומען צום לערנען. דער האר"י האָט זיי נאָך אַמאָל שטרענג אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלען זעהן, אַז דאָס קינד זאָל זיין אַ נעלם ווי ווייט מעגליך.

עס זיינען אַריבערגעלאָפען עטליכע יאָהר און דער אינגעל איז געוואָרען אַלט צעהן יאָהר. ער איז שוין דאַמאָלט געווען זעהר גרויס אין לערנען, און די עלטערען האָבען געקוואָלען פון נחת.

איינמאָל האָט די מוטער פאַרבראַכט מיט איהרע אַ שכנה. האָט יענע פרוי זעהר שטאַרק באַריהמט איהר אינגעל, ווי ער לערנט גוט און וועט אויסוואַקסען אַ גרויסער מענש. האָט זיך די מוטער ניט געקענט איינהאַלטען און איהר געזאָגט: „ווען איהר וואָלט וויסען וואָס פאַר אַן עלוי מיין קינד איז. אַלע זאָגען, אַז ער וועט אויסוואַקסען אַ גאון עולם".

אין דער זעלבער נאַכט איז דער אינגעל געוואָרען בלינד אויף ביידע אויגען און קיינעם ניט געזעהן. האָט די מוטער ווידער געוויינט טאָג און נאַכט און דער פאָטער איז פון צער שיער ניט געשטאָרבען. זי האָט זיך שוין געשעהמט געהן בעטען דעם האר"י, ווייל זי האָט ניט געהיט זיין פאַרזאָג. צום סוף האָט זי גענומען דעם אינגעל, איהם אַריינגעפיהרט צום האר"י און אַליין איז זי פון חרפה אַנטלאָפען.

דער האר"י הקדוש האָט דאָס קינד געבענשט און איהם אַוועקגעשיקט מיט זיינעם אַ צעטעל אין אַ שטאָדט צו איינעם פון די קדושי עליון. דער אינגעל איז באַלד זעהענדיג געוואָרען, און האָט אין יענער שטאָדט געלערנט תורה נגלה און נסתר מיט גרוים קדושה וטהרה. דאָרט האָט קיינער ניט געוואוסט ווער ער איז און איז געווען נעלם.

אין יענער שטאָדט האָט ער אָבער אויך לאַנג ניט געקענט פאַרבלייבען, ווייל תיכף האָט ער אָנגעהויבען ווערען מפורסם אַלס גאון עולם. מען האָט דערשמעקט זיין הויכע מדרגה און מען האָט זיך אָנגעהויבען ציהען צו איהם הערען זיין תורה און פרעגען ביי איהם שווערע ענינים. די שוועסטער איז געקומען צום האר"י פרעגען וואָס זאָל מען טאָן, ווי באַהאַלט מען איהם איצט אוים? האָט דער האר"י געהייסען, מען זאָל איהם אָנקליידען אין צוריסענע קליידער, ווי פון אַן אָרימאַן, אַ משרת, און ער זאָל די בגדים ניט אומבייטען קיינמאָל בשום אופן, ביז וואַנען ער וועט איהם געבען רשות.

מען האָט אַזוי געטאָן ווי דער האר"י האָט געהייסען. מען האָט איהם אָנגעקליידט בגדים קרועים, אַוועקגעפיהרט אין אַ פרעמדע שטאָדט און איהם פאַרדונגען פאַר אַ משרת ביי אַ מילנער. זיין אַרבייט איז באַשטאַנען, ער זאָל אַכטונג געבען אויף די גוים, וועלכע האָבען געאַרבייט אין מיהל, זיי זאָלען קיין זאַך ניט גנב'נען.

דער מילנער האָט דעם משרת זעהר גיך ליעב באַקומען. ווייל זייט ער איז געוואָרען ביי איהם משרת איז ביי איהם שטענדיג געווען גרוים מזל ברכה אין די מעהל. דער מילנער האָט, פאַרשטעהט זיך, ניט געוואוסט ווער דער משרת איז, אַז ער איז אַ תלמיד־חכם. ער האָט נאָר גערעכנט, אַז ער איז אַן אָרענטליכער מאַן און היט גוט אָפּ, און די פריהעריגע משרתים האָבען מסתמא גע'גנב'עט.

אזוי זיינען ווייטער אריבער עטליכע יאהר. דערווייל האט זיך געמאכט א מעשה. אין יענעם געגענד איז געווען א גרויסער רב, וועלכער האט געהאט אן איינציגע טאכטער, זעהר א שעהנע און זעהר א קלוגע. דער רב, חוץ וואס ער איז געווען א גרויסער גאון, איז ער אויך געווען רייך און געשטאמט פון גרוים יחוס. אז מען האט גענומען ריידען דער טאכטער שדוכים, האט דער רב ניט געקענט צוקלייבען צו זיך א רעכטען איידעם, וואס זאל זיין צו דעם ראוי. דער רב און די רבנית האבען געהאט פון דעם גרוים צער.

איינמאל איז דער פאטער פון רב, א גרויסער גאון, א נפטר, געקומען צו זיין זוהן דעם רב אין חלום און איהם געזאגט, אז זיי זאלען פאהרען צו דעם און דעם מילנער און נעמען זיין משרת פאר א חתן צו זיין טאכטער. זיי זאלען למען השם ניט משנה זיין, ווייל דאס איז איהר זיווג מן השמים, און אויב ניט דארף די טאכטער שטארבען.

דער רב מיט דער טאכטער זיינען באלד אוועקגעפאהרען צום מילנער זעהן דעם משרת. די הערצער זיינען ביי זיי געווען צוקלעמט, וואס אזא גראטענע טאכטער דארף נעמען א משרת, אבער דער רב האט געפיהלט, אז דער חלום איז ניט קיין בדוי און אז זיין פאטער ז"ל זאגט איהם, מוז ער איהם פאלגען. זיי זיינען געקומען צום מילנער און געהייסען ברייגנען פאר זיי דעם משרת. דער משרת איז אריינגעקומען. ער איז געגאנגען זיינע צוריסענע קליידער און איז געווען דורכאוים ווייס איינגעטונקט אין מעהל. ער האט געמאכט אויפ'ן רב און זיין טאכטער זעהר א שלעכטען רושם. זיין גאנג איז געווען ווי פון א פרא אדם.

פרעגט איהם דער רב: „קענסטו עפעס לערנען?" ענטפערט דער משרת ניט צו דער זאך: „איך בין געבליבען א יתום (ווייל זיין פאטער איז דאמאלט באמת געווען געשטארבען)".

פרעגט איהם ווייטער דער רב: „און אַז מען וואָלט מיט דיר לערנען, וואָלסטו וועלען?" ענטפערט ער: „יע, איך וואָלט גע־גערנט". זאָגט צו איהם ווייטער דער רב: „נעם מיין טאָכטער פאַר אַ ווייב, וועל איך מיט דיר לערנען און אויך דיר באַקליי־דען". ענטפערט דער משרת: „איך בין מסכים נעמען אייער טאָכטער, לערנען וועל איך אויך, אָבער איבערבייטען די קליי־דער ניט". דער רב מיט דער טאָכטער האָבען מסכים געווען.

ווען עס איז געקומען צום אָוועקפאָהרען, האָט דער מיל־נער מיט דער ווייב ניט געוואָלט דעם משרת אָפּלאָזען, ווייל ער איז געווען ביי זיי אַ מזל ברכה. דער רב האָט זיי געגעבען הונדערט רענדלאך און זיי האָבען איהם אָפּגעלאָזען.

אַז זיי זיינען געקומען צוריק אין שטאָדט, זיינען די ראשי־הקהלה מיט דער רבנית אַרויסגעגאַנגען מקבל פנים זיין דעם רב מיט דעם חתן וכלה. ווי די ראשי הקהל האָבען דערזעהן דעם חתן אין די שמוציגע, וויסע קליידער, האָבען זיי אָפּגע־דרעהט די פנימ'ער און די רבנית איז פון חרפה געפאַלען אין חלשות. מען האָט איהר אָפּגעמינטערט און די טאָכטער האָט איהר געטרייסט, אַז גאָט וועט געבען ער וועט בעסער ווערען און זיך לאָזען איבערבייטען די קליידער.

עס איז געקומען דער טאָג פון דער חופה. עס האָבען זיך אויפגעקליבען צעהן תלמידי חכמים, מקורבים פון רב, און גע־רופען דעם חתן צו זיך. פון אָנהויב האָבען זיי צו איהם גערעדט וויכע רייד, איהם גענומען אויפווייזען, אַז ער איז שופך דמים, ער איז מצער דעם רב מיט דער רבנית, און פאַרשטערט די פרייד פון דער כלה צו דער חופה. נאָר ווען די אַלע רייד האָבען ניט געהאָלפען און ער איז געווען פאַר'עקשנ'ט און געזאָגט, אַז ער וועט די קליידער ניט איבערבייטען, האָבען זיי איהם גע־זאָגט, אַז זיי וועלען איהם אַריינלייגען אין חרם. אויף דעם האָט ער זיי געענטפערט: „זייט מיך מחרים אויב איהר קענט, אָבער

איהר וועט דערמיט זיך אַליין טאָן מעהר שלעכטעס, ווייל איהר ווייסט נאָך ניט וואָס איך קען". די תלמידי חכמים האָבען זיך דערשראָקען פאַר זיינע רייד און איהם אָפּגעלאָזען.

עס איז שוין געווען גאָר נאָהענט צו דער חופה. עס זיינען שוין געווען צוזאַמענגעקומען פיעל גרויסע לייט, קרובים פון דער כלה. דער חתן האָט זיך אָבער נאָך אַלץ אַרומגעדרעהט אין די קליידער, פאַרפּוליעטע אין מעהל. די רבנית און די כלה זיינען געזעסען פאַרטרויערטע און בעזונדערע ווינקעלאַך און געוויינט. זיי האָבען זיך געשעהמט די אויגען צו ווייזען פאַר די געסט.

פלוצלינג האָט זיך געעפענט די טיהר און אין הויז איז אַריין אַ יונגערמאַן, וועלכער האָט אויסגעזעהן פונקט ווי דער חתן און איז געגאַנגען אָנגעטאָן ווי אַ פּאַסטוך. אין האַנד האָט ער געהאַלטען אַ לאַנגען שטעקען מיט אַ פייפעל. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויפ'ן חתן און געזאָגט, אַז ער איז זיינער אַ חבר. אין בית הרב איז דערפון דער קלאָג געוואָרען גרעסער ווען זיי האָבען דערזעהן, ווער עס זיינען די חברים פון חתן. מען האָט איהם געבראַכט צום חתן און זיי האָבען זיך צוקושט ווי ברידער. נאָכדעם זאָגט דער חתן צו דער רבנית: „גיט איהם עסען און טרינקען, ער איז מיינער אַ חבר". די רבנית האָט געווישט די טרעהרען און איהם געגעבען אַ שעהנע סעודה.

האָט דער רב געזאָגט צום פּאַסטוך: „אַז איהר זייט יע זיינער אַ חבר, בעט איהם ער זאָל איבערבייטען די קליידער צו דער חופה, ס'איז דאָך פּשוט אויף אונז אַ רחמנות און אַ צער אויף דער כלה אין דעם טאָג פון איהר פרייד".

האָט איהם דער פּאַסטוך געענטפערט: „טייערער רבי, האָט ניט קיין צער, איהר וועט שוין מעהר ניט ליידען, און אנשטאָט אייער האַרצווייטאָג וועט איהר באַלד טויזענדער מאָל מעהר האָבען נחת. איך בין דאָ געקומען ברייננגען אייך פרייד".

מען האָט געבראַכט די חופּה און גענומען איהר אויפשטע־לען. דאָ רופט זיך דער פּאַסטוך אָפּ צום רב: „ברייננגט אַהער די זיידענע בגדים פאַר דעם חתן, וואָס איהר האָט צוגעגרייט צו דער חופה". מען האָט גלייך געבראַכט די בגדים. דאַמאָלט האָט דער פּאַסטוך אויסגערופען: „חתן, איך בין אַ שליח, עס איז געקומען די צייט זאָלסט נתגלה ווערען. זאָג אוים ווער דו ביזט און טו דיר איבער אין די זיידענע בגדים".

„באַלד האָט מען שוין געוואוסט אין בית הרב און אין דער גאַנצער שטאָדט, אַז דער חתן איז דעם האר"י'ם שוועס־טער'ס זוהן און אַז ער איז אַ גרויסער תלמיד־חכם. עס איז גע־וואָרען ששון ושמחה. די פּנים'ער פון דער רבנית און דער כלה האָבען געשיינט אויסגעלייטערט, ווי די זון נאָך אַ רעגען. מען האָט געבראַכט די בעסטע מוזיקאַנטען און זיי האָבען אָנגע־הויבען שפּיעלען. די גאַנצע שטאָט האָט געטאַנצט פון גרוים שמחה. מען האָט געוואָלט שטעלען די חופּה, אָבער דער פּאַס־טוך האָט ווידער אויסגערופען:

„אייל זיך נים, עס דאַרפען נאָך קומען די מחותנים פון חתנ'ם צד".

מען האָט געוואַרט ביז האַלבע נאַכט. דאַמאָלט איז פּלוצ־לינג געקומען צופאָהרען אַ שעהנע קאַרעטע און זיך אָפּגעשטעלט לעם הויז. אַז דער פּאַסטוך האָט דאָס דערזעהן, האָט ער אויס־געשריען:

„ברוך הבא, דער האר"י איז דאָ".

עס זיינען אַרוים פון דער קאַרעטע דער האר"י הקדוש, באַגלייט מיט זיינע תלמידים און די מוטער פון חתן, דעם האר"י'ם שוועסטער. זיי זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרען אין הויז און דער רב האָט זיך מיט דעם האר"י צוקושט און אַלע האָבען געוויינט פון גרוים פרייד.

באַלד איז פאַרגעקומען די חופה. דער רב האָט געגעבען דעם חתן אַ שעהנעם נדן און דער חתן האָט אַלעמען משמח געוועזן מיט זיינע הויכע תורה. מען איז אַרוים אין רקודים און אין געזאַנג, און אַזוי פאַרבראַכט ביז שפעט אין טאָג.

שפעטער האָט דער רב געזוכט דעם פּאַסטוך און געוואָלט איהם באַדאַנקען פאַר זיין גוטע בשורה, אָבער מען האָט איהם ערגעץ ניט געפונען. אין גרויסען טומעל פון פרייד איז ער ער־געץ פאַרשוואונדען.

אַז מען האָט דערנאָך געפרעגט דעם האר"י, וואו איז נעלם געוואָרען דער פּאַסטוך, האָט ער געזאָגט, אַז דער פּאַסטוך איז דאָס געוועזן אליהו הנביא, וועלכער קומט שטענדיג אָנזאָגען גוטע בשורות.

## ט.

## ווי מען איז אין ארץ ישראל דערגאַנגען פון האר"י

ווען ר' משה קורדואירו ז"ל איז קראַנק געוואָרען און גע־האַלטען ביים שטאַרבען, האָט ער געשיקט רופען זיינע תלמידים און צו זיי געזאָגט:

„איהר זאָלט וויסען, אַז דער ממלא מקומו וועט זיין דער, וואָס וועט ביי מיין לויה באַמערקען דעם עמוד הענן וואָס וועט מיך באַגלייטען צו מיין קבורה. יענער מענש איז אַ גרויסער מקובל, ער וועט אייך עפענען די אויגען און אייך באַלייכטען דאָס, וואָס איך האָב ניט געטאָן ביי מיין לעבען".

ר' משה קורדואירו איז נפטר געוואָרען און אַלע נכבדי ארץ ישראל, פון נאָהענט און ווייט, זיינען געקומען איהם מלוה זיין.

צווישען דעם גרויסען עולם איז אויך געווען דער האר"י הקדוש. מען האָט געטראָגען דעם אָרון. פּלוצלינג האָט זיך דער האר"י אָפּגערופען צו די נושאי המטה:

„טראָגט איהם אין דער צווייטער זייט וועג, ווייל דאָרטען געהט דאָך אָן עמוד הענן".

אַלע זיינען איבערראַשט געוואָרען פון די רייד. זיי האָבען באַלד פאַרשטאַנען, אַז ער איז דאָס דער, וועמען דער נפטר האָט געוואָלט ער זאָל זיין אַ ממלא מקומו. זיי האָבען גלייך געבעטען ער זאָל זיין זייער רבי און האָבען איהם צוגעזאָגט צו פאָלגען אַלץ וואָס ער וועט זיי לערנען.

---

## י.

# די סעודה של מצוה

דער גאון, מחבר פון ספר „קול בוכים", פלעגט אָפט מקבל זיין אויף זיך תעניתים. דער גאון איז פון די סגופים זעהר אָפּגעשוואַכט געוואָרען. מען האָט איהם געראַטען, ער זאָל אויפהערען אַזוי אָפט צו פאַסטען, אָבער דער מחבר האָט ניט געוואָלט זיך צוהערען צו קיינעמ'ס רייד.

איינמאָל האָט דער האר"י געזאָגט צו זיינע תלמידים:

„חברים, אויף מאָרגען קענט איהר מאַכען אַ גרויסאַרטיגע סעודה, נאָר זעהט אַז דער מחבר פון קול בוכים זאָל אויך זיין אויף דער סעודה. איהר מוזט איהם אָבער איצטער אָנזאָגען און אָנגרייטען, ווייל שפּעטער וועט ער נאָך אויף זיך מקבל תענית זיין און דאַמאָלט וועט ער זיך שוין ניט מתיר מאַכען".

ר' חיים וויטאַל מיט נאָך צוויי חברים זיינען גלייך אַוועק צום מחבר און איהם געבעטען קומען מאָרגען צו דער סעודה.

האָט ער זיי געפרעגט, ווער האָט עס געהייסען מאַכען די סעודה. האָבען זיי איהם געזאָגט, אַז דער רבי זייערער, ר' יצחק. זאָגט דער קול בוכים: „וואָס פאַר אַ מענש איז עם אייער רבי, וואָס צוליעב איהם זאָל איך מדחה זיין מיין תענית?" האָבען זיי איהם שטאַרק געבעטען, אַז ער זאָל ניט מקבל תענית זיין און געהן צו דער סעודה. דער מחבר האָט מסכים געווען.

אויף מאָרגען איז ר' חיים וויטאַל געגאַנגען ברייננען דעם מחבר, און זיי זיינען צוזאַמען געגאַנגען צו דער סעודה.

אויפ'ן וועג האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט נעבען קבר פון ר"י בן אלעי ז"ל און דאָרטען גערעדט דברי תורה. פּלוצלינג זעהן זיי, ווי דער האר"י געהט זיי אַנטקעגען. האָבען זיי זיך אַלע אויפגעשטעלט און דער מחבר האָט איהם געבעטען זיך זעצען נאָהענט צו איהם און זאָגען עפּעס תורה. דער האר"י האָט אָנגעהויבען צו זאָגען חדושים אויפ'ן זוהר. נאָכ'ן זאָגען פרעגט ער דעם מחבר, צו געפעלט איהם זיינע חדושים? זאָגט דער מחבר: „ניין, מיר געפעלט ניט". רופט זיך אָפּ דער רבי צו די תלמידים: „אָ, אַט אַזאַ חבר איז גוט צו האָבען, ניט אַזוי ווי איהר, וואָס מען זאָגט אייך איז ביי אייך ריכטיג און איהר האָט גאָר ניט צו פרעגען".

דער מחבר האָט דאַן געפרעגט דעם רבי'ן שטאַרקע שאלות און דער רבי האָט איהם אויף אַלעם געענטפערט מיט געטליכע שטאַרקייט. דער מחבר האָט געדאַנקט דעם רבי'ן און זיי זיינען געגאַנגען צוזאַמען צו דער סעודה. מען האָט געגעסען און גע-זאָגט גרויסע פּלפּולים און דער מחבר איז געבליבען ביים רבי'ן אויף נאַכטלעגער. ביינאַכט האָט דער האר"י געזאָגט ווייטער תורה דעם מחבר און דער מחבר האָט דערזעהן די גרויסקייט פון האר"י.

ביים זעגענען זיך זאָגט ער צום האר"י: „רבי, גיט מיר עפּעס אַ תקון פאַר מיין נשמה". ענטפערט איהם דער האר"י:

"אין מיין לעבען האָב איך ניט געזעהן אזא מענש ווי דו, וואָס זאָל זיין אזוי ריין פון זינד. נאָר איך וועל דיר געבען א תקון. יעדען טאָג עס א גוטע שטיקעל הוהן און נאָכדעם זיץ און לערן. זאָלסט מעהר ניט פאַסטען קיין תעניתים, בעסער עס און האָב כח צו לערנען תורה. צוליעב דיר האָב איך טאַקע געהייסען מאַכען די סעודה".

דער מחבר האָט געפאָלגט און פון דאַמאָלט אָן האָט ער אלע טאָג געמאַכט סעודות ביי זיך אין הויז און געזעסען און געלערנט.

## יא.

# ווי דער האר"י לערנט זיינע תלמידים די מדה פון בטחון

איינמאָל איז דער האר"י הקדוש געזעסען אין וואַלד און געלערנט מיט די תלמידים די מדה פון בטחון, ווי אַ מענש דאַרף האָפען צו השם יתברך מיט גרוים בטחון, אז גאָט העלפט די וואָס האָפען צו איהם מיט אַן אמת און ער וועט איהם אויך העלפען. ער האָט זיך פאַרטיפט אין למוד הבטחון מיט גרויס התלהבות און אויפגעוויזען ווי ווייט גאָט פאַרלאָזט טאַקע קיינמאָל ניט די אמת'ע בעלי-בטחון.

ניט ווייט פון דעם אָרט איז געשטאַנען אַ איד, וואָס פלעגט דאָרט גראָבען ליים און פיהרען אין שטאָט פאַרקויפען. דער איד איז געווען זעהר אַ פראָסטער, אָבער אויך זעהר אַ פרומער. ער האָט אויסגעהערט אַלץ וואָס דער האר"י האָט געלערנט די תלמידים און אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי:

„איך האָב היינט אונטערגעהערט אַ געשפּרעך פון אַ הייליגען מאַן צו זיינע תלמידים אין וואַלד. ער האָט זיי געלערנט, אַז אַ מענש דאַרף נאָר האָבען בטחון אין גאָט וועט ער איהם שוין העלפען. איז ביי מיר געבליבען, אַז איך וועל שוין מעהר ניט אַרומפאַהרען אַ גאַנצען טאָג אין וואַלד נאָך לייס, נאָר איך וועל בעסער געהן אין בית המדרש, דאָרט זיצען און זאָגען תהלים און הערען לערנען, איך וועל לויבען השם יתברך אַ גאַנצען טאָג און נאָר איין שעה אין טאָג וועל איך האָרעווען אויף מיין חיונה. איך האָב אַ שטאַרקען בטחון אין השם יתברך, אַז איך וועל אַזוי אויך געשפּייזט ווערען".

האָט איהם זיין פרוי געענטפערט: „מיין מאַן, טו ווי דו ווילסט, נאָר השם יתברך זאָל אונז העלפען, מיר זאָלען ניט האָבען קיין צער פון חיונה".

דער לייס-פיהרער האָט אַזוי געטאָן. מעהר ווי איין שעה אין טאָג פלעגט ער ניט אַרבייטען און דעם גאַנצען טאָג איז ער געזעסען אין בית-המדרש אין טלית ותפלין, דאָרט געלערנט און געדאַווענט זעהר פרום.

דערווייל אָבער איז איהם פון איין שעה אַרבייט ניט געווען גענוג אויף חיונה. ער און זיין הויז-געזינד האָבען אָנגעהויבען ליידען דחקות. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז ער האָט פאַרקויפט פריהער זיין הייזעל, נאָכדעם פערד און וואָגען, נאָכהער אפילו די בעטגעוואַנד און די קישען פון צוקאָפּענס. ער האָט שוין ניט געהאַט מעהר וואָס צו פאַרקויפען און אָנגעהויבען ליידען הונגער ממש. אָבער דאָך האָט דער אָרימאַן זיך ניט אָפּגעזאָגט פון זיין בטחון. ער און די בני-בית האָבען קיין וואָרט ניט גערעדט, שטיל געליטען און זייער גלויבען איז נאָך געוואָרען גרעסער.

איינמאָל אין מיטען נאַכט האָט דער איד דערהערט ווי איינער קלאַפּט אין טיהר. ער איז אַרויס עפענען, אָבער ער האָט

ניט געזעהן קיין מענשען. די אַנדערע נאַכט ווידער דאָס זעל־בע, מען קלאַפּט, און אַז ער איז אַרויס עפענען האָט ער קיינעם ניט געזעהן. ערשט אויף דער דריטער נאַכט, ווען ער איז אַרויס האָט ער דערזעהן אַן אַנגעזאָטעלטער אייזעל שטעהט און קלאַפּט מיט די פיס אין טיהר. ער האָט אַראָפּגענומען דעם זאָטעל אין הויז און דעם אייזעל אַריינגעפירט אין שטאַל. שפּע־טער האָט ער דעם זאָטעל אויפגעעפענט און ווי איבעררא‏שט איז ער געוואָרען אַז ער האָט דאָרטען געפונען פיעל גאָלד און דימענטען.

דער אָרימאַן איז געווען אין גרויס וואונדער און ניט גע־וואוסט וואָס צו טאָן. אויף מאָרגען פריה איז ער אַריין אין שטאַל זעהן דעם אייזעל. ערשט דער אייזעל איז פאַרשוואונדען. האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט איהם השם יתברך צוגעשיקט פאַר זיין גרויסען בטחון אין איהם.

אַז פון דער מעשה האָבען זיך דערוואוסט דעם האר"י׳ם תלמידים, האָט איינער פון זיי געזאָגט צום האר"י:

„איך וועל זיך אויך אָנהויבען פיהרען ווי דער ליים־פיה־רער. איך וועל אַלעם אַוועקוואַרפען און נאָר לעבען מיט דעם בטחון אין השם יתברך".

האָט איהם אויף דעם דער האר"י געענטפערט: „דיר וועט אַזאַ זאַך ניט טרעפען. דער ליים־פיהרער האָט נאָר געמיינט לשם שמים, כדי האָבען צייט צו לויבען גאָט ברוך הוא, האָט איהם מצליח געווען. דו מיינסט דאָך אָבער נאָר דורך דעם צו רייך ווערען. דאָס איז שוין ניט קיין ריינע כוונה און דאָס טויג ניט".

## יב.

# ווי דער האר"י דערקלערט דעם סוד פון חתנ'ס טויט

דער האר"י הקדוש איז געווען פארבעטען צו א סעודת־מצוה ביי א חתונה. דער חתן איז געווען א קדוש וטהור, מפורסם מיט זיין צדקות וחסידות און אויך א גרויסער תלמיד־חכם. ווען מען איז געזעסען ביי דער סעודה און דער חתן האט גע־נומען עסען א שטיקעל עוף, האט זיך איהם אביינדעל פון דעם עוף געשטעלט אין האלז, און ער האט זיך אנגעהויבען ווערגען.

מען האט גערופען דאקטוירים און מען האט געפרואווט דעם ביינדעל ארויסנעמען, אבער קיין מיה האט ניט געהאלפען, און דער חתן איז אזוי דערווארגן געווארען און געשטארבען.

דער גאנצער עולם האט ביטער געוויינט און געיאמערט אויף דעם גרויסען אומגליק, נאר דער האר"י הקדוש איז גע־בליבען זיצען רוהיג אויף זיין ארט און נאך געוויזען א פנים שוחקות.

האבען זיך אלע געוואונדערט, וואס דעם האר"י הקדוש ארט דאס גאר ניט דער אומגליק און זיי האבען איהם געפרעגט, פארוואס ער ווייזט נאך ארוים א פנים שוחקות?

האט זיי דער האר"י הקדוש געענטפערט: „איהר זאלט וויסען, אז דער יונגערמאן, דער חתן, האט מיט זיין פטירה מתקן געווען זיין שורש נשמה פון זיינע אלע גלגולים".

האט מען דעם האר"י שטארק געבעטען, און ער האט דער־צעהלט די גאנצע מעשה:

„דער יונגערמאן, דער נפטר, איז נאך אין ערשטען גלגול געווען א מורה הוראה, ער פלעגט פסקנ'ען שאלות און איז געווען מפורסם מיט זיין גרוים צדקות. ער האט מתקן געווען

אלע פגמים פון זיין שורש נשמה. נאָר דאָס וואָס ער איז מגולגל געוואָרען אויפ'ס ניי, איז דאָס געווען איבער אַ סבה.

„אַ איד, אַ ירא שמים, האָט איינמאָל געקויפט אַן עוף לכבוד שבת און האָט דערזעהן אויף דעם עוף אַ שאלה. ער האָט געבראַכט דעם עוף פאַר דעם יונגענמאַן דעם מורה הוראה, ער זאָל איהם זאָגען צו איז דער עוף כשר אָדער טרפה. דער יונגער־מאַן איז דאַמאָלט גראַדע געווען טרוד אין לערנען און האָט זיך ניט גוט מיישב געווען און גע'פסק'נט אַז דער עוף איז טרפה, כאָטש על פי אמת האָט ער איהם געקענט מכשיר זיין. דער פסק איז פאַר דעם יונגענמאַן געווען אַ גרויסער כשלון ר"ל, ווייל דער עוף איז געווען אַ גלגול פון אַ נשמה וואָס איז אַרומ־געגאַנגען אין עולם התוהו. די נשמה האָט אַלץ ניט געהאַט קיין תקון, ביז עס איז אַרויס דער פסק פון בית דין של מעלה, זי זאָל מגולגל ווערען אין אַן עוף טהור. דאַמאָלט וועט עס האָבען דעם זכות, אַז אַ פרומער איד וועט עסען דעם עוף ביי אַ סעודת שבת קודש און די נשמה וועט האָבען אַ תקון. דאָס איז געווען דער זעלבער עוף וואָס דער ירא־שמים האָט געקויפט און גע־וואָלט האָבען אויף אַ סעודת מצוה לכבוד שבת. נאָר דער מורה הוראה האָט עס פאַלש טרפה געמאַכט, און דער ירא־שמים האָט דעריבער דעם עוף אַרויסגעוואָרפען. דאַמאָלט איז די נשמה געקומען פאַר דעם בית דין של מעלה און גע'טענה'ט געגען דעם יונגענמאַן, זי האָט געקענט שוין האָבען אַ תקון און ער האָט איהר גאָר שלא כדין טרפה געמאַכט. האָט מען בבית דין של מעלה גע'פסק'נט, אַז דאָס איז דעם צדיק'ס שולד, און ער דאַרף דעריבער, וואָס ער איז ניט געווען זהיר מיט דעם פסק־דין, נאָכ־אַמאָל מגולגל ווערען, אויך די נשמה פון עולם התוהו דאַרף נאָכאַמאָל מגולגל ווערען אין אַן עוף, און אַז ער וועט מתקן זיין די נשמה, וועט דאָס אויך זיין אַ תקון פאַר איהם אַליין. דער עוף, וואָס דער צדיק האָט געגעסען, איז עס געווען מיט

דעם גלגול, און ווי דער צדיק האָט אָנגעהויבען צו עסען פון עוף, האָט שוין די נשמה געהאַט אַ תקון גמור און דער צדיק האָט שוין מעהר ניט געהאַט וואָס צו טאָן אויף דעם עולם".

„איצט פאַרשטעהסט איהר שוין", האָט דער האר"י אויסגעפיהרט, „פאַרוואָס איך האָב באַוויזען אַ פנים שוחקות און זיך ניט מצער געווען פון דעם יונגענמאַנ'ס פטירה, ווייל ער האָט מעהר ניט געהאַט וואָס צו טאָן אויף דער וועלט".

יג.

## מעשה מיט האר"י און הגאון ר' אברהם גאלאנטי ז"ל

אין די צייטען פון האר"י איז געווען אַ גרויסער גאון מיט דעם נאָמען רבי אברהם גאלאנטי. רבי אברהם איז חוץ זיינע גאונות אין תורה אויך געווען אַ גרויסער בעל מקובל. ער האָט אָבער ניט געוואָלט זיין קיין רב בשום אופן און האָט בעסער געעפענט אַ געשעפט. ער האָט געהאַט אַ פאַבריק, וואו מען פלעגט שפינען פאַרשידענע סאָרטען כשרה פעדעם פאַר אַלערליי בגדים. ר' אברהם איז געווען זעהר רייך און איז געווען צופרידען, וואָס ער לעבט ניט פון קהל.

רבי אברהם האָט פיעל געהערט פון האר"י, ווי ער לעזט יעדען מענשען אויפ'ן פנים זיינע זינד און דערקאָנט פון שטערן צו דער מענש איז אַ צדיק אָדער ניט. איז ער אַוועק צום האר"י און צו איהם געזאָגט:

„רבי, זאָגט מיר פון מיין פרצוף הפנים, צי האָב איך עפּעס אַ זינד, ווייל אויב איך בין זינדיג וויל איך עס אויסקויפען. איז עס אַזאַ זאַך בין אדם למקום, וועל איך טאָן תשובה ותפלה.

איז עס ווידער אַ זאַך בין אדם לחבירו. בין איך גענוג רייך און האָב געלד דאָס מתקן צו זיין, מיין נשמה זאָל ניט נפגם ווערען".

איז דער האר"י צוגעגאַנגען צו איהם נאָהענט, און באַמערקט אויף רבי אברהמ׳ס שטערן עפּעס אַ זאַך און צו איהם געזאָגט:

„גרויסער גאון! ביי אייך איז יעצט פאַראַן אַ זינד פון ספק גזילה, אַזאַ גזילה וואָס איהר אַליין ווייסט ניט פון דעם".

רבי גאלאנטי האָט געגלויבט אין דעם האר״י׳ס רייד און האָט אָנגעהויבען זוכען דרכים, ווי צו מתקן זיין דעם ספק גזילה. ער האָט געטראַכט, טאָמער האָט ער אַמאָל באַ׳גזל׳ט די מענשען וועלכע אַרבייטען ביי איהם. האָט ער פאַררופען אַלע זיינע בעלי-מלאכות און צו זיי געזאָגט:

„ליבע אידען! פיליכט האָב איך אַמאָל איינעם פון אייך מיט עפּעס באַ׳גזל׳ט; איהר האָט אפשר געאַרבייט מעהר און איך האָב באַצאָהלט פאַר ווינציגער. אַלזאָ שיט איך איצט אוים אויף דעם טיש אַ בינטעל געלד. נעמט אַליין, וויפיעל יעדער איינער פיהלט ביי זיך אַז איך האָב איהם ניט דערצאָהלט, נאָר ער שעהמט זיך מיר צו זאָגען".

האָבען די בעלי-מלאכות געענטפערט ווי אין איין קול:
„הייליגער רבי! אונז קומט פון אייך אפילו קיין פרוטה אחת ניט. אַלע טאָג נעמען מיר אָפּ אונזערע שכירות".

האָט צו זיי רבי אברהם גאלאַנטי וויטער גערעדט:
„ליבע פריינד! שעהמט זיך ניט. אויב איך בין באמת ביי אייך ליעב און טייער, האָט רחמנות מיט מיר און נעמט די געלד, וואָס יעדער טראַכט אין האַרצען, אַז איהם קומט. די זינד פון גזילה איז ביי מיר פיעל מעהר ווערט ווי די גאַנצע געלד וואָס איך פאַרמאָג".

אָבער די בעלי-מלאכות האָבען גע׳טענה׳ט מיט איין קול, אַז זיי קומט גאָר ניט און טראַכטען גאָר ניט אין האַרצען אַנ-דערש.

אין די רייד האָט זיך פון די בעלי-מלאכות דורכגעשפּאַרט אַן אָרימע פרוי, וועלכע האָט אויך געאַרבייט אין ר׳ אברהמ׳ס פאַבריק, און גענומען צוויי מטבעות פון דעם געלד. זי האָט אויף קיינעם ניט געקוקט און אויך ניט געזאָגט פאַרוואָס.

שפּעטער איז ר׳ אברהם צוריק אַוועק צום האר"י. דער האר"י איז איהם אַרויס אַנטקעגען און איהם באַגעגענט מיט גרויס שמחה. ער האָט איהם מיט ליעבשאַפט געדריקט צו זיך און געזאָגט:

„יעצט איז אייער פנים ריין און שיינט ווי די זון, ווייל דער צלם אלקים אויף איהם איז ניט פאַרפלעקט“.

אויף מאָרגען האָט ר׳ אברהם גערופען דער פרוי, דער בעלת-מלאכה, צו איהם און איהר מיט וויכע רייד געבעטען זי זאָל איהם דערצעהלען פאַר וואָס איהר האָט געקומט, כדי ער זאָל נאָך אַמאָל איהר ניט באַ׳גזל׳נען.

האָט איהם די פרוי דערצעהלט, אַז מיט אַ טאָג פריהער איז זי געווען אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה און געאַרבייט מעהר פון אַלעמען. דערצו שפּינט זי די פעדעם זעהר דין ווי זייד און איהר קומט מעהר. נאָר זי האָט זיך געשעהמט ביי איהם דאָס בעטען.

פון דאַמאָלט אָן האָט רבי גאַלאַנטי באַשלאָסען, אַז ווי-באַלד עס קען טרעפען אַזאַ זאַך, אַז ער זאָל טאָן גזילה, זאָל ער אַ טייל פון זיין געלד אָפּגעבען פאַר צרכי רבים, ווי דער דין איז פון גזילה, ווען מען ווייס ניט וועמען אָוועקצוגעבען, און ער וועט געווים זיין ריין.

ער האָט זיך דערוואוסט, אַז אַרום די קברים פון די היילינע תנאים. רבי שמעון בן יוחאי, רבי אליעזר און רבי יצחק ז"ל אין

מירון איז ניטאָ קיין צאָם און עס טרעטען אַמאָל ח"ו בהמות. האָט רבי גאָלאַנטי געלאָזט אויפבויען אַ הויכען צאָם און גע־מאַכט אַן אוהל לכבוד די תנאים, ווי אויך אַ מקום להתפלל פאַר די אידען וועלכע ווילען באַזוכען די קברים.

יד.

## פאַרוואָס דער האר"י הקדוש איז געווען אומעטיג דעם שבת

דער האר"י הקדוש פלעגט שטענדיג פאַרזאָגען די תלמידים זיי זאָלען לעבען צווישען זיך בשלום ושלוה. זיי זאָלען זיך קיינ־מאָל ח"ו ניט קריגען און ניט האַלטען אין האַרצען קיין שנאה איינע צו די אַנדערע. ווען עס פלעגט צו איהם קומען אַ נייער תלמיד, איז געווען זיין ערשטער תנאי, אַז ער וועט דאַרפען שטענדיג לעבען בשלום בפה ולב מיט זיינע חברים און פאַר דעם קלענסטען איבעררייד אָדער פאַרדרוס אין האַרצען וועט ער איהם אַוועקשיקען.

אויך פאַר די ווייבער און קינדער פון די תלמידים האָט ער געהייסען מאַכען באַזונדערע הייזער, כדי עס זאָל ניט זיין ביי זיי קיין מחלוקת. צוליעב דעם טעם פלעגט אויך דער האר"י אַנדערש ניט אָננעמען קיין תלמיד סיידען דער שווער האָט זיך מתחייב געווען אויסהאַלטען דעם תלמיד־חכם בהרחבה, זיין הויז־געזינד זאָלען האָבען חיונה בשפע און ניט דאַרפען דאגה'ן, וואָס דאָס ברייגגט צו כעס און קריגערייען.

ויהי היום, נאָך אַ לאַנגע צייט ווי עס האָט זיך געהאַלטען דער שלום און די תלמידים האָבען מצליח געווען אין לערנען,

איז איין טאָג, מעשה שטן, אַריינגעפאַלען אַ גרויסע מחלוקת צווישען די ווייבער פון די תלמידים. ביסלעכווייז זיינען אויך די מאַנען, די תלמידי־חכמים, אַריינגעצויגען געוואָרען אין דער מחלוקת. עס איז ניט ווילענדיג געוואָרען אַ גרויסער פּרוד הלבבות.

פרייטאָג פאַרנאַכט איז געווען דער שטייגער פון דעם האר"י הקדוש צו מקבל שבת זיין צוזאַמען מיט די תלמידים אין פעלד. דער האר"י פלעגט קומען אָנגעטאָן אין ווייסע, זיי־דענע קליידער. זיי פלעגען אַלע ארויפגעהן אויף די בערג זאָגען מיט גרויס נעימות שיר השירים און ווען די קלאָרע, ליכטיגע זון פלעגט נעמען אונטערגעהן, פלעגען זיי מיט גרויס התלהבות און קדושה מקבל שבת זיין.

דעם פרייטאָג פאַרנאַכט נאָך דער מחלוקת איז דער האר"י געקומען אָנגעקליידט אין שוואַרצען. אַן אומעטיגער האָט ער אַרומגעשפּאַצירט ביז דעם זמן התפלה הין און צוריק איבער׳ן פעלד און מיט קיינעם ניט גערעדט קיין וואָרט. נאָכדעם האָט מען געדאַווענט מיט גרויס אומעט און דער האר"י האָט נאָר געזאָגט שטיל „גוט שבת" און איז גלייך אַוועק אַהיים אין זיין געצעלט ניט ווייט פון פעלד. די תלמידים זיינען אויך רוגזה׳דיג יעדער איינער אַוועק אַהיים.

מיט דעם האר"י איז נאָר מיטגעגאַנגען ר׳ חיים וויטאַל. אַז זיי זיינען פאַרבליבען אַליין, האָט ר׳ חיים מיט שרעק גע־פרעגט:

„הייליגער רבי, איהר מוזט מיר זאָגען די סיבה וואָס איהר זייט אַזוי אומעטיג. עפּעס ווייזט עס ר"ל אויף ניט קיין גוטע סימנים".

האָט איהם דער האר"י געזאָגט:

„שוין אַ לאַנגע צייט ווי דער שר הטומאה זוכט וועגען ווי צו זיך אַריינכאַפּען אין אונזער מחנה, צווישען די תלמידים.

איך האָב דעריבער מזהיר געווען, אַז עס מוז ביי אייך הער־שען שלום, ווייל כל זמן עס איז דאָ שלום האָט דער שר הטומאה קיין שום שליטה נים. איצט אָבער, אַז עס איז אויסגעבראָכען די מחלוקת, איז ער אויך היינט געווען צווישען אונז און איך האָב געהערט פון איהם דעם כרוז „גם אתם גם מלככם תספו״, דאָס הייסט, אַז דער רבי מיט די תלמידים מוזען שטאַרבען. דעריבער בין איך דאָס שרוי בצער״.

אַזוי איז טאַקע געווען. אין דעם יאָהר זיינען געשטאָרבען פינף תלמידים און אויך דער האר״י הקדוש ז״ל, ווי מיר וועלען דערצעהלען אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלאַך.

טו.

## וואָס מען וואָלט געקענט געווינען מיט אחדות

ווי דערצעהלט, פלעגט דער האר״י מקבל זיין דעם שבת מיט גרוים פּאַראַד. ער פלעגט זיך אָנטאָן אין ווייסען און אַרוים־געהן מיט די תלמידים אין פעלד און דאָרט אין צוגעגרייטע אוהלים מקבל שבת געווען. זיי פלעגען זינגען דעם קאַפּיטעל מזמור שיר ליום השבת מיט אַ געטליכען געזאַנג און מיט אַזאַ התלהבות אַז די תלמידים פלעגען אויף אַ ווײַלע גאָר פאַרגע־סען, אַז זיי זיינען נאָר מענשען אויף דער ערד און זיי האָט זיך געדוכט, אַז זיי זיינען מלאכי עליון, וועלכע זאָגען דאָס שירה מיט אַזאַ התרוממות הנפש.

איינמאָל, פרייטאָג צו קבלת שבת, ווען אַלע תלמידים זיי־נען געווען אַזוי אין דעם התלהבות׳דיגען זינגען, האָט פלוצ־לינג דער האר״י געגעבען אַ קלאַפּ עס זאָל ווערען שטיל און ער האָט אויף אַ הויכען קול אויסגערופען:

„חברים! (דער האר"י הקדוש פלעגט זיינע תלמידים רו־פען מיט דעם נאָמען חברים, ווי מיר וועלען דערצעהלען אין אַ באַזונדערן קאַפּיטעל) ווילט איהר מיר זאָלען איצט אַלע געהן אין ירושלים עיר הקודש מתפלל זיין ביי דעם כותל מערבי? מיר וועלען דאָרט מיט די זעלבע וואַרימע געפיהלען, וואָס מיר האָבען איצט, בעטען רחמים פאַר אונזערע ברידער בני הגולה, אויף דעם גלות השכינה פון זיי. קומען אַהין וועלען מיר תיכף דורך קפיצת הדרך, ווייל עס איז נאָך פריה צו שבת, אָבער צוריק וועלען מיר שוין ניט קענען געהן און מיר וועלען דאָרט פאַרבלייבען איבער שבת".

די דעות פון די תלמידים האָבען זיך צוטיילט. איינינגע האָבען מיט גרויס פרייד געענטפערט, געוויס געהן מיר גלייך מיט אונזער רבי'ן, וואו ער וועט אונז זאָגען. אָבער אַנדערע האָבען געזאָגט, אַז ווי באַלד זיי דאַרפען פאַרבלייבען אין ירושלים איבער שבת, דאַרפען זיי פריהער זיך צוכאַפּען אַהיים מעלדען זייערע ווייבער און קינדער.

אַז דער האר"י האָט דערהערט די חלוקי־דעות, איז ער אויפגעציטערט געוואָרען. ער האָט אויפגעפּאַטשט מיט די הענד און געזאָגט:

„וועה, וועה איז צו אונז! מיר האָבען נאָך ניט קיין זכות דערלייזט צו ווערען פון גלות ישמעאל! ווען איהר אַלע חברים וואָלט מיט איין קול און אין אחדות געענטפערט מיט גרויס שמחה „מיר געהן אַלע אין ירושלים", וואָלט געקומען אַן אמת'ע גאולה אויף דעם כלל ישראל".

דער האר"י האָט דערנאָך באריכות דערקלערט די תלמידים די סיבה:

„עס איז גראַדע נתעורר געוואָרען אַזאַ שעת רחמים אין הימעל, וואָס איז שוין הונדערטער יאָהרען ניט געווען. איך האָב מכוון געווען די מינוט, און דורך אחדות וואָלטען מיר מיט אונ־

זערע תפלות ביים כותל המערבי אַלץ אויסגעבעטען. איצט אָבער, דורך אייער קווינקלען זיך אין געהן, האָבען מיר דורכגעלאָזען די הייליגע שעה, און ניט אַזוי גיך וועט זיך אַזא הזדמנות טרעפען".

די תלמידים האָבען לאַנג געהאַט פּיעל צער פון דער מעשה און צוגעזאָגט ווייטער אין אַלעם גלייך פאָלגען דעם האר"י.

טז.

## וואָס עס ברייגנט ליכטיגקייט צו דער נשמה

דער האר"י הקדוש פלעגט אַליין זעהר מקפיד זיין און פלעגט אויך אָנזאָגען די מקורבים אַז דעם קידוש פון שבת זאָל מען זאָגען מיט גרויס כוונה. פאַר די תלמידים האָט ער מגלה געווען דעם סוד, אַז כוונה אין קידוש ברייגנט ליכטיגקייט צו דער נשמה.

„אין דער גמרא ווערט געבראַכט", האָט זיי דער האר"י געזאָגט, „אַז דער קידוש העלפט דעם מענשען און מאַכט איהם ליכטיג זיינע אויגען. ווען איינער געהט שנעל מיט צו גרויסע טריט, נעמט דאָס צו ביי איהם אַ טייל פון דעם ליכט פון די אויגען, און דער ליכט פון די אויגען קעהרט זיך נאָר אום דורך שבת'דיגען קידוש מיט כוונה".

איינמאָל איז ר' חיים וויטאַל, דעם האר"י'ס בעסטער תלמיד, קראַנק געוואָרען אויף די אויגען. ער האָט געזעהן זעהר טונקעל און שוואַך און האָט ניט געקענט לערנען און איז געווען פון דעם אין גרויס צער.

ער איז אַוועק צום האר"י, געבעטען זיין ברכה און געפרעגט זיין עצה. האָט איהם דער האר"י געזאָגט:

„די אויגען זיינען ביי דיר פינסטער צוליעב צוויי זאַכען: ערשטענס, ווייל דו האָסט ניט געמאַכט דעם קידוש מיט די כוונות און סודות, ווי איך האָב דאָ דיר געלערנט. און צוויי־טענס, ווייל דו האָסט זיך שטאַרק איינגעקוקט אין מיין פנים, ווען איך האָב מתפלל געווען קריאת שמע און שמונה עשרה. און ווען איך בין מתפלל טאָר קיינער ניט קוקען אין מיין פנים".

„וואָס זאָל איך דערצו טאָן? ווי זאָל איך מתקן זיין?" האָט ר' חיים געפרעגט.

„געה פאַרריכט ביידע זאַכען. זאָג קידוש, קריאת שמע און שמונה עשרה לאַנגזאַם מיט גרויס כוונה און קוק ניט ווען איך בין מתפלל אין מיינע אויגען, וועסטו געהאָלפען ווערען", האָט דער האר"י געזאָגט.

אַזוי איז געווען. ר' חיים וויטאַל האָט די ביידע זאַכען פאַר־ריכט, און זיינע אויגען זיינען ליכטיג געוואָרען ווי פריהער.

## יז.

# ווי מען דאַרף דן זיין לכף זכות

דער האר"י האָט צוזאַמענגענומען אין צפת צעהן מענ־שען פון די חשוב'ע בעלי־בתים אין שטאָט און האָט מיט זיי געגרינדעט אַ חברה פאַר חזוק הדת. די חברה האָט געהאַט שומרים, וועלכע פלעגען אַכטונג געבען אויף יעדער פרצה אין דת און פון דעם אַנזאָגען דעם האר"י און דער רבי פלעגט אויס־זוכען מיטלען ווי דאָס צו פאַרהיטען.

דער האר"י האָט געלערנט די אַנשי־החברה, זיי זאָלען אַלעמען דן זיין לכף זכות און גוט חוקר ודורש זיין איידער זיי וועלען געהן אימעצען מעניש זיין.

איינמאָל, פאַרטאָג, האָט איינער פון די שומרים באַמערקט אַ פרוי, וועלכע איז געווען פאַרפוצט און געטראָגן שעהנע קליידער, ווי זי איז איינע אַליין צוגעגאַנגען צו אַ געוויסען אָרט און דאָרט געשמועסט מיט אַ מאַנספּאַרשוין. דער שומר האָט אויף איהר געוואָרפען אַ חשד. ער איז אַוועק אין שוהל דאָס דערצעהלען דעם רבי׳ן. דער האר״י האָט געהאַלטען אין דאַווענען, האָט דער שומר געוואַרט ביז ער וועט ענדיגען.

אַז דער האר״י האָט געענדיגט דאַוונען, איז דער שומר צו איהם צוגעגאַנגען און געוואָלט אָנהויבען ריידען. אָבער דער האר״י האָט איהם פאַרשטעלט דעם מויל און ניט געלאָזט ריידען און ער האָט געזאָגט:

„רעד ניט קיין רכילות. דו זאָלסט וויסען, אַז דער פרוי׳ס מאַן געפינט זיך אין איינע פון די מערב לענדער. ער האָט צו איהר געשיקט אַ שליח מיט מתנות און געהייסען איבערגעבען אַזעלכע ווערטער, וואָס זי אַליין נאָר מוז דאָס הערען. דער שליח האָט ניט געוואָלט צוליעב חשד געהן צו איהר אין הויז, און האָט איהר אָנגעזאָגט דורך אַ שליח זיך מיט איהם צו טרעפען״.

דער שומר איז פאַרשעהמט געוואָרען. ער איז אַרוים אין גאַס און באַלד געוואויר געוואָרען, אַז דעם רבינ׳ס רייד זיינען אמת.

---

יח.

## ווי דער האר״י איז מציל אידען פון אַ גזירה

אין דעם האר״י׳ם צייטען איז אין מדינת סוריא געווען אַ פחה, אַ גרויסער שונא ישראל. אין פחה׳ם שטאָדט האָבען דאַמאָלט געוואוינט אַ סך אידען און ער האָט זיך באַקלערט אַ מיטעל, ווי ביי זיי צוצונעמען זייער פאַרמעגען. ער האָט גע-

שיקט אַנזאָגען אַלע רייכסטע און גרעסטע אידען פון דער שטאָדט, אַזוי ווי ער שטאַמט פון המן בן המדתא און די אידען שטאַמען פון מרדכי, מאָנט ער יעצט ביי זיי די צעהן טויזענד שטיקער זילבער, וואָס המן האָט געוואָלט געבען צו קעניג אחשורוש און וועלכע זיינען פאַרבליבען ביי מרדכי, נאָכדעם ווי ער האָט איבערגענומען המנ׳ס פאַרמעגען. דער פחה האָט אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל, אַז די אידען מוזען איהם צושטעלען ביז אַ געוויסען טאָג די זעלבע סומע געלד. דער פחה האָט אין זיין באַפעהל געוואָרענט די אידען, אויב זיי וועלען איהם ניט צושטעלען די געלד צו דער צייט, וועט ער טאָן מיט זיי דאָס וואָס המן האָט געוואָלט טאָן מיט די אידען. ער וועט זיי אָנטאָן די גרעסטע נגישות, שלאָגען און שמייסען און אין גאַנצען פון שטאָט אַרויסטרייבען.

די אידען זיינען געקומען אין אַ מבוכה פון דער גזירה. קענען אויפקלייבען אַזאַ סומע געלד איז געווען אונמעגליך, ווייל זיי האָבען דאָס ניט פאַרמאָגט. און ניט פאָלגען דעם פחה׳ס באַפעהל האָבען זיי גוט געוואוסט וועט דער פחה ניט שווייגען און וועט זיי געווים אָנטאָן גרויסע צרות.

זיי האָבען געפּרואווט בעטען ביים שר, ער זאָל כאָטש פאַרקלענערען די סומע, אָדער ער זאָל זיי פאַרלייגערען דעם זמן, אָבער דער אכזר האָט ניט געוואָלט איינגעהן אויף קיין פשרה. די ראשי הקהל פון יענער שטאָדט האָבען געמוזט אַרויסגעבען אַן אונטערשריפט, אַז זיי וועלען צושטעלען די געלד ביז יענער צייט, כאָטש זיי האָבען ניט געזעהן קיין אויסוועג, וואו וועלען זיי דאָס נעמען.

די אידען האָבען אויפגעקליבען אסיפות און זיך מייעץ געווען וואָס צו טאָן. עס איז ביי זיי געבליבען בהסכם, אַז מען זאָל אַרויסשיקען שלוחים אין אלכסנדריא של מצרים, דאָרט

זיינען פאַראַן זעהר רייכע אידען, וועט מען זיי דערצעהלען פון דער גזירה און זיי וועלען העלפען אויפקלייבען די סומע.

מען האָט אַזוי געטאָן. מען האָט אויסגעקליבען צוויי נכבדים און יענע זיינען אַוועק אין מצרים.

אַז די שלוחים זיינען געקומען קיין אלכסנדריא, זיינען זיי געוועהנליך צום ערשטען געגאַנגען צום גרעסטען גביר פון דער שטאָדט. דאָס איז געווען רבי מרדכי, דעם האר"י הקדוש'ס שווער. ר' מרדכי האָט זיך צוגעהערט צו זייערע רייד, ער האָט זיי אַליין געגעבען אַ גרויסע נדבה פאַר פדיון שבוים און זיי געהאָלפען קריגען נאָך געלד.

פאַר'ן אַוועקפאָהרען זאָגט ר' מרדכי צו די שלוחים: „איך וואָלט אייך געבען אַן עצה, איהר זאָלט זיך דורכריידען וועגען דעם ענין מיט מיין איידעם, רבי יצחק לוריא. וואָרום וואָס איז די פעולה, אַז איהר וועט געבען דעם פחה די געלד, וועט ער זעהן, אַז מען קען ביי אייך קריגען וואָס מען בעט, וועט ער מאָרגען בעטען נאָך מעהר געלד. איהר מוזט זוכען אַן עצה ווי צו ניצול ווערען פון דעם רשע".

זיינען זיי אַוועק צום האר"י. דער האר"י האָט אויסגע-הערט דעם ענין און צו זיי אַזוי געזאָגט:

„מיין עצה איז, אַז מיט די געלט וואָס איהר קלייבט זאָלט איהר בעסער שטיצען אָרימעלייט, תלמידי-חכמים, אָרימע כלות, מאַכען בתי תלמוד-תורה וכדומה, און ניט געבען דעם רשע, דעם שר הצורר".

ער האָט די שלוחים מגלה געווען אַ סוד, פאַרוואָס עס איז אויף זיי געקומען די גזירה מן השמים און מיט וואָס מען קען זי פאַרריכטען. ער האָט זיי געהייסען דעם סוד איבערגעבען אַלע רבנים וצדיקים פון יענער שטאָדט. ער האָט זיי אויך גע-הייסען, אַז מען זאָל גוזר תענית זיין און זאָגען סליחות מיט

גרויסע בכיות. וועט השם יתברך געווים העלפען און אראפ־נעמען די גזירה.

די שלוחים האבען אזוי געטאן. זיי האבען זיך אומגעקערט אהיים, און דערצעהלט די רבנים וואס דער האר"י האט געזאגט. זיי האבען גלייך מקיים געווען אלץ וואס דער האר"י האט געהייסען. מען האט צוטיילט די געלד צו ארימעלייט און גוזר תענית געווען און פארבראכט טעג אין תפלות ותחנונים.

דערוויל האט זיך דערנעהנטערט דער טאג פון אריינ־טראגען דעם פחה די געלט. דער פחה האט אנגעזאגט דורך זיינע שרים אז קיין זאך טאר ניט געמינערט ווערען און אלץ מוז אריינגעטראגען ווערען בשלמות.

די לעצטע נאכט פאר דעם טערמין האבען זיך אלע אידען אויפגעקליבען אין שוהל און געזאגט סליחות מיט גרויס געוויין. ערשט צוויי רייטער קומען צולויפען געלאפ און שטעלען זיך אפ לעם שוהל. זיי זיינען אריין אין שוהל און געפרעגט מען זאל זיי צופיהרען צום רב. דער עולם האט פאר זיי געמאכט א וועג און זיי אנגעוויזען צום רב. זיי זיינען צוגעגאנגען און איהם דערלאנגט דעם פאפיר, וואס אלע נכבדים האבען געהאט גע'חתמ'עט, אז זיי וועלען צושטעלען די געלד, און צו איהם אזוי געזאגט: „מיר זיינען געשיקט געווארען פון פחה. ער בעט אייך איהר זאלט רחמנות האבען אויף איהם און פאר איהם מתפלל זיין. ער איז נעכטען בייטאג ארויס אויף יאגד, זיך געזעצט לעם א קוסט א וויילע אפרוהען, זיינען פון די בוימעלאך ארויסגעלאפען פליגעלאך, וועלכע האבען איהם צוביסען די לייב און אויך צושטאכען די אויגען. ער ליגט בלינד און זעהט גאר ניט. נאר אז ער איז איינגעשלאפען, האט ער פאר זיך דער־זעהן א געשטאלט פון א פנים, וואס האט געלויכטען ווי די זון און די געשטאלט האט צו איהם געזאגט: „די אידען זיי־נען איצט אויפגעקליבען אין שוהל, זיי וויינען פון דיין גזירה,

וואָס זיי דאַרפֿען צושטעלען די געלד. שיק זיי גלייך אָפּ דעם פּאַפּיר און זאָג זיי אַז אַז זיי זיינען פריי פון חוב און בעט דעם רב אַז זיי זאָלען פאַר דיר מתפלל זיין, וועסטו געהאָלפען ווע־רען". דער פריץ האָט זיך אויפגעכאַפּט און די געשטאַלט איז געבליבען שטעהן פאַר זיינע אויגען. ער איז בלינד, ער זעהט גאָר ניט אויסער די געשטאַלט. האָט ער דאָס אונז גיך געשיקט מיט דעם פּאַפּיר, מיר זאָלען אָפּגעבען דעם רב און בעטען פאַר איהם מתפלל זיין".

באַלד איז די בשורה נאָך אין מיטען נאַכט באַוואוסט גע־וואָרען איבער'ן שטאָדט. עס איז געוואָרען ששון ושמחה. מען האָט איינע די אַנדערע אָפּגעגעבען מזל טוב און געטאַנצט אין די גאַסען. דער רב האָט געהייסען און מען האָט געזאָגט אַ פּאָר מזמורי תהלים, ווי אויך געמאַכט מי שברך דעם פּחה.

אויף מאָרגען בייטאָג איז געקומען אַ ידיעה פון פּחה אַז דער פּחה איז בעסער און הויבט אָן ביסלעכווייז צו באַקומען צוריק די ראיה.

מיט עטליכע טעג שפּעטער איז דער פּחה אַליין געקומען אין שטאָדט, אַוועק צום רב, איהם געדאַנקט פאַר דער ישועה. ער האָט דערביי געשילדערט דעם רב ווי די געשטאַלט האָט אויסגעזעהן. און ווי די שלוחים האָבען דערצעהלט, איז דאָס געוועזן דער ליכטיגער פּנים פון האר"י ז"ל.

---

יט.

## דעם האר״י׳ס עצה פאַר אריכת ימים

**אין** דעם דור פון האר"י הקדוש איז געווען אין צפת אַ גרויסער צדיק און בעל־קבלה מיט דעם נאָמען ר' אברהם הלוי ברוכים ז"ל. דער צדיק האָט זיך געפיהרט מיט גרויס פּרישות

און פלעגט זיצען טאָג און נאַכט און לערנען. ער איז אויך גע־ווען אַ משגיח איבער שמירת שבת. פרייטאָג פלעגט ער אַ גאַנ־צען טאָג ארומגעהן אין אַלע גאַסען און אָנזאָגען און דערמאָנען, אַז מען זאָל היטען דעם הייליגען טאָג שבת. ער האָט אויך געלערנט דעם פּראָסטען עולם די דינים פון שבת, און פאַר־נאַכט צו, פלעגט ער געהן איבער די קראָמען אָנזאָגען אַז עס איז שוין צייט צו פאַרמאַכען. אויך אין מיטען וואָך פלעגט ער אַלע נאַכט אויפשטעהן חצות און נאָכען אָפּריכטען די תפלות מיט גרויס תחנונים פלעגט ער זיך אַרויסלאָזען איבער די גאַ־סען און אויסזינגען מיט אַ שטאַרקען האַרציגען קול: „ליבע הייליגע ברידער! ווי קען קומען דער שלאָף צו אייערע אויגען, ווען דער בית המקדש איז חרב, די קרוין איז אַראָפּגענומען פון אונזער קאָפּ און די הייליגע שכינה איז פאַרטריבען אין גלות. שטעהט אויף, שטעהט אויף, ליבע ברידער, קומט אין די שוה־לען און בתי מדרשים, בעט גאָט מיט גרויס תחנונים, וועט גאָט העלפען און אונזערע ברידער אין די פרעמדע לענדער וועלען אויסגעלייזט ווערען און קומען צו אונז אין לאַנד".

אַזוי פלעגט ער וויינען מיט אַ זיסע שטימע איבער די גאַ־סען ביז אַלע פלעגען אויפשטעהן לערנען און זאָגען שירים ותשבחות צו הקב"ה. אַלע שוהלען פלעגען באַלד ווערען פול, און דער קול פון תורה פלעגט זיך טראָגען איבער גאַנץ צפת.

דער האר"י האָט דעם צדיק זעהר געליובט און אויף איהם געזאָגט, אַז זיין נשמה איז פון אַ הויכע מדרגה און שטאַמט פון ירמיהו הנביא.

איינמאָל איז דער גרויסער צדיק שטאַרק קראַנק געוואָרען און געהאַלטען ביים שטאַרבען. דער האר"י איז איהם געקומען מבקר חולה זיין. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם חולה און צו איהם געזאָגט:

„ווי מען קען זעהן אויף אייך, איז נגזר געוואָרען אויפ'ן הימעל אַז מען דאַרף צונעהמען אייער נשמה, נאָר ווייל איהר ברייגנגט גרוים נוצען אויף דעם עולם השפל, דאַרף מען זיך איינ־שטעלען און געפינען עפּעס אַ מיטעל אייך דערהאַלטען ביים לעבען. איז מיין עצה, איהר זאָלט אויף זיך נעמען מיט אַ נדר, אַז ווען איהר וועט נאָר געזונט ווערען, וועט איהר געהן תפלה טאָן ביים כותל מערבי אין ירושלים. דאָרט וועט איהר מיט אייערע גרויסע בכיות און בקשות זוכה זיין צו זעהן די הייליגע שכינה, וואו ירמיהו הנביא האָט איהר געזעהן און דאַמאָלט וועט מען אייך מוסיף זיין צוויי און צוואַנציג יאָהר לעבען, בזכות דער תורה הקדושה וואָס איז געגרינדעט אויף צוויי און צוואַנציג אותיות".

דער חולה האָט גלייך אויף זיך מקבל געוועזן מיט אַ נדר אַז ער וועט אַזוי טאָן, און איז טאַקע באַלד געזונד געוואָרען.

אַזוי ווי ער איז געווען שרעקליך אָרים, האָט ער פאַרקויפט אַלע זיינע זאַכען און איז אַוועק אין ירושלים.

אַז ער איז געקומען צום כותל המערבי, האָט ער גלייך געריסען קריעה, ווי דער דין איז, אַז מען זעהט דעם בית־המקדש חרב, און האָט אָנגעהויבען מתפלל זיין. ער האָט אַזוי פיעל געבעטען רחמים און געוויינט, אַז ער האָט תיכף דער־זעהן די הייליגע שכינה אויף דעם אָרט, וואו עס געווען דער קדש־הקדשים. די שכינה איז געווען פאַראומערט און געקלאָגט אויף דעם חורבן בית המקדש און אויף דעם גלות פון איהרע קינדער, די אידען.

ווי דער צדיק האָט דאָס דערזעהן, איז אויף איהם געפאַלען אַן אימה און ער איז אָפּגעלאָפען אויף הינטער מיט אַ שרעקליך געוויין. ער איז צוגעגאַנגען צום כותל המערבי און האָט אָנ־געהויבען שלאָגען קאָפּ אָן וואַנד פון גרוים צער. האָט ער פּלוצ־לינג געהערט אַ בת־קול אויסרופען:

„רבי אברהם, מיין הייליג קינד! טרייסט זיך פון דיין גרויסען צער. עס וועט נאָך זיין אַ צייט פון פרייד אויף מיינע קינדער ישראל, ושבו בנים לגבולם. אידען וועלען נאָך זיין אַלע צוזאַמען אין ארץ ישראל. און דו, אברהם, ווערען דיינע יאָהרען פאַרלייגגערט".

רבי אברהם האָט זיך אומגעקעהרט אין צפת און האָט דערנאָך געלעבט ווי דער האר"י האָט איהם פאָראויסגעזאָגט, צוויי און צוואַנציג יאָהר.

## כ.

# ווי דער האר"י גיט אַרויס אַ תשובה

דער גרויסער גביר פון צפת, משה לאנץ, האָט געהערט, אַז דער האר"י טרעפט יעדען מענשען אַלעס וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט אין זיין לעבען, און ער האָט אין דעם ניט געגלויבט. ער האָט נאָך פאַר לייטען בפרהסיא געמאַכט חוזק פון דעם. האָבען איהם זיינע מקורבים געזאָגט, געה צו צום רבי'ן, און פרעג איהם וועגען דיר, וועט ער דיר אַלעס זאָגען, וועסטו שוין זעהן צו עס איז אמת אָדער ניט.

דער גביר איז אַוועק צום רבי'ן און געזאָגט מיט חציפות:

„רבי, איך האָב געהערט, איהר זייט אַ טרעפער. אַנו, אדרבה, טרעפט מיר, וואָס האָב איך געטאָן אויף מיין לעבען?"

האָט דער האר"י איהם לאַנג אַריינגעקוקט אין פנים און איהם אויסגערעכענט אַלע זיינע פאַרבאָרגענע עבירות. צווישען אַנדערע זינד האָט איהם דער האר"י גערעכענט, אַז אין אַ געוויסע נאַכט האָט ער עובר געוועזן אַן עבירה מיט זיין קריסטליכע דינסט.

דער גביר איז געבליבען נשתומם. אויף אַלע עבירות האָט ער זיך גלייך מודה געווען, נאָר די מעשה מיט דער דינסט, ווייל דאָס איז איהם געווען אַ גרויסער בזיון, האָט ער געלייקענט און געזאָגט, אַז ער ווייס ניט פון וואָס צו זאָגען.

האָט איהם דער האר"י געזאָגט: „אויב אַזוי, וועל איך דיר באַלד ווייזען די דינסט". ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט אַ פּאַטשיילקע און באַלד האָט דער גביר דערזעהן די דינסט שטעהענדיג פאַר זיינע אויגען. דער גביר איז גלייך געפאַלען אין חלשות. מען האָט איהם אָפּגעמינטערט און געבראַכט צום לעבען. אַז ער איז געקומען צו זיך, איז ער געפאַלען צום רבינ'ס פיס, געוויינט און געבעטען זיך מיט דעם לשון:

„רבי, איך זעה יעצט אייער הייליגקייט און די שרעקליכקייט פון מיינע זינד. גיט מיר דעם גרעסטען עונש, אַבי מאַכט מיר ריין, איך זאָל קענען קומען לחיי העולם הבא".

„דיר קומט איינע פון די אַרבע מיתות בית דין, שרפה", האָט דער האר"י געזאָגט, „אויב דו ווילסט זיך לאָזען פאַרברענען, וועט דיין טויט מכפר זיין אויף דיינע זינד".

„רבי, איך בין אויף אַלעם מסכים, אַבי איך זאָל ווערען ריין פון די זינד, ווייל דער געשטאַלט פון דער דינסט פאַרפאָלגט מיר און לאָזט מיר ניט רוהען".

„קום אין עטליכע טעג אַרום, וועל איך אויף דיר אויספיהרען דעם פסק מיתה און דאָס וועט זיין דיין כפרה".

עס זיינען איבערגעלאָפען עטליכע טעג און דער גביר איז געקומען, דער רבי זאָל מקיים פסק זיין.

דער האר"י האָט אויפגערופען אַלע חברים און צוזאמען מיט'ן גביר אַוועקגעגאַנגען אין שוהל.

אין שוהל האָט דער האר"י צום גביר אַזוי געזאָגט:

„איך וועל נעמען געקאָכטע בליי און דיר אַריינגיסען אין מויל און דו וועסט גלייך שטאַרבען און דאָס וועט זיין דיין כפרה“.

דער האר״י האָט געהייסען דעם שמש פאַרקאָכען בליי און האָט אָנגעגרייט אַ גרויסע לעפעל. ער האָט געהייסען דעם גביר זיך אויסציהען מיט׳ן פנים ארויף אויפ׳ן בימה און עפע־נען דעם מויל.

דער גביר האָט געפאָלגט ווי דער האר״י האָט איהם גע־הייסען. ער האָט זיך געלייגט אויפ׳ן בימה און געעפענט דעם מויל. אַלע חברים זיינען געשטאַנען און האָבען זיך געטריי־סעלט פון שרעק. דער האר״י האָט געהייסען דעם גביר צומאַכען די אויגען.

דאַמאָלט האָט ער דערלאַנגט אַ וואונק דעם שמש, ער זאָל די בליי אָפּרוקען אָן אַ זייט און אַליין ארויסגעכאַפּט פון בו־זעם אַן אָנגעגרייטע פלעשעלע מיט אַ זיסען געטראַנק. ער האָט פון דער פלעשעלע אָנגעגאָסען אַ פולע לעפעל און דערביי גע־זאָגט „וסר עונך וחטאתך תכופר“. אַריינגעגאָסען דעם גביר אין מויל. דער גביר איז געלעגען אַ פאַר׳חלש׳טער און זיך ניט גערירט פון אָרט. דער האר״י האָט איהם געהייסען אויפשטעהן און איהם געזאָגט, אַז מיט זיין גרייטקייט און מסירת נפש איז איהם פאַרגעבען געוואָרען זיין זינד. און ער האָט איהם אַרויס־געגעבען אַ לייכטע תשובה ווי ער זאָל זיך נוהג זיין.

פון דאַמאָלט אָן איז משה לאנץ געוואָרען אַ ירא שמים באמת און אַ טרייער פאַרהייליגער פון האר״י ז״ל.

## כא.

# מעשה פון דעם האר"י מיט'ן רמ"א און רש"ל

דער רמ"א און רש"ל, די גרעסטע גאונים אין דעם האר"י'ס צייט, האָבען פון דערווייטענס געהערט די גרויסע וואונדער ונפלאות וואָס דער האר"י טוט אויף. זיי האָבען אויך געהערט, אַז דער האר"י הק' באַנוצט זיך מיט שמות הקדושים און אַז ער האָט איינגעפיהרט נייע מנהגים צווישען זיינע חסידים, איז ביי זיי דאָס אויסגעקומען, אַז דער האר"י איז ח"ו אָראָפּגעגאַנגען פון דעם דרך התורה, און ער איז אַ מסית ומדיח את הרבים און פאַרפיהרט אָרענטליכע מענשען. די דערמאָנטע גאונים האָבען באַשלאָסען, אַז זיי טאָרען דאָס נים שווייגען און האָבען מסכים געווען אַריינצולייגען דעם האר"י אין ח־ם. דעם חרם האָבען זיי באַשטימט אויסצורופען אויף פרייטאָג, ערב שבת.

דערווייל האָט זיך דער האר"י הק' דערוואוסט פון דער מעשה. ער האָט געשיקט רופען זיין תלמיד מובהק ר' חיים וויטאַל און זיך מיט איהם מיישב געווען וואָס צו טאָן.

זאָגט ר' חיים: „אויב דער רבי וועט מיר איבערגעבען די שמות הקדושים, וועל איך צופאָהרען זיך זעהן מיט די גאונים זיי זאָלען דעם חרם ניט מאַכען".

דער האר"י הקדוש האָט איינגעשטימט, און איהם מגלה געווען בסוד עטליכע שמות. ר' חיים האָט זיך גלייך געלאָזט אין וועג.

ווען ער איז געקומען צום מהרש"ל, איז פונקט געווען דער פרייטאָג, וואָס ער האָט געדאַרפט אויסרופען דעם חרם. פרעגט ער ר' חיימ'ן, וואָס פאַרלאַנגט ער פון איהם? האָט איהם ר' חיים געענטפערט: „איך וויל איהר זאָלט ניט מחרים זיין מיין רבי'ן, ווייל ער איז אַ הייליגער מאַן און טוט אַלעס בדרך אלקים".

האָט איהם דער מהרש"ל געענטפערט: „אומזיסט האָסטו זיך געשלעפּט אַזאַ ווייטע וועג, ווייל היינט איז דער טאָג וואָס מיר דאַרפען אויסרופען דעם חרם. און דער רמ"א וועט אין זיין שטאָדט דאָך מחרים זיין דעם האר"י, וועט ער שוין ממילא זיין מוחרם, ווייל דער עולם וועט זיך צוהערען צו זיינע רייד".

זאָגט ר' חיים: „איך בעט נאָר אייך, האַלט איהר זיך אָפּ און לעגט אָפּ דעם חרם אויף אַ פּאָר טעג, און איך וועל זיך אויך זעהן היינט מיט'ן רמ"א און איהם אויך בעטען".

האָט זיך דער מהרש"ל פאַרוואונדערט און געזאָגט: „ווי קענסטו דאָס טאָן? היינט איז דאָך ערב שבת און פון דאַנען צום רמ"א איז דאָך פופציג מייל?"

ענטפערט איהם ר' חיים: „איהר וועט שוין זעהן, אַז איך וועל ביי איהם זיין און נאָך קומען צוריק, ביי אייך האַלטען שבת".

אַזוי איז געוועזן. ר' חיים איז אַרויס און מיט קפיצת הדרך איז ער אין אַ פּאָר שעה געקומען צום רמ"א. ער האָט דעם רמ"א אויך געבעטען, ער זאָל זיך אָפּהאַלטען מיט'ן חרם. דער רמ"א האָט איהם געזאָגט דאָס זעלבע: „וואָס איז די פּעולה, דער מהרש"ל וועט דאָך דערווייל אויסרופען דעם חרם". האָט איהם ר' חיים געענטפערט, אַז ער האָט זיך היינט געזעהן מיט דעם מהרש"ל און ער האָט איהם צוגעזאָגט דערווייל אויפהאַלטען דעם חרם. ער האָט איהם אויך געזאָגט, אַז ער געהט נאָך צוריק צום מהרש"ל אויף שבת. דער רמ"א האָט ניט געגלויבט דעם וואונדער און האָט איהם געזאָגט, אַז ער וועט אויך וואַרטען עטליכע טעג, ביז ער וועט זעהן דעם מהרש"ל און זיי וועלען זיך נאָך אַמאָל מיישב זיין.

ר' חיים איז צוריקגעקומען צום מהרש"ל און דאָרט גע-האַלטען שבת. אַ גאַנץ שבת האָט ר' חיים געשוויגען און ניט געזאָגט קיין איין וואָרט תורה וואָס מען זאָל פון דעם קענען

זעהן וואָס פאַר אַ תלמיד־חכם ער איז. און דער מהרש״ל האָט שוין גערעכענט, אַז ער קען מסתמא ווינציג לערנען. אויף מאָרגען, זונטאָג, פרעגט דער מהרש״ל ר׳ חיימ׳ן: „מיט וואָס קענסטו רעכט מאַכען דעם האר״י און צייגען אַז ער איז אַן איש אלקים באמת?“

זאָגט ר׳ חיים: „דאָ וויל איך דאָס אייך ניט ווייזען. אפשר איז ערגעץ דאָ ביי אייך אין פעלד אַ הייל, לאָמיר דאָרט אַריינגעהן און דאָרט בסתר וועל איך אייך ווייזען אַז דער האר״י איז אַ צדיק תמים.

דער מהרש״ל האָט איהם געזאָגט, אַז ער ווייס פון אַזאַ אָרט און זיי זיינען דאָרטביידע אַוועקגעגאַנגען. אינעווייניג אין מערה, זאָגט ר׳ חיים, אָט וועל איך אייך ווייזען אַז מיט שמות הקדושים וועל איך מאַכען אַז עס וועט ווערען דאָ וואַסער. ר׳ חיים האָט מכוון געווען און באַלד האָט פון אַ זייט אָנגעהויבען שטראָמען וואַסער אַלץ מעהר און מעהר און פאַרגאָסען די מערה. זיי האָבען געוואָלט אַרויסגעהן, אָבער די וואַסער האָט זיי פאַרשטעלט די וועג. דאָס וואַסער איז אַלץ געפלאָסען מעהר און מעהר, ביז עס האָט זיי דערגרייכט צום האַלז.

„לאַז אָפּ“, האָט זיך דער מהרש״ל אָנגעהויבען בעטען, „מיר וועלען דאָך דערטרונקען ווערען“. ר׳ חיים האָט איהם אָבער געענטפערט, „איהר מוזט דאָ צוזאָגען אַז איהר וועט ניט מצער זיין מיין רבי׳ן, און איהר וועט ניט אויסרופען קיין חרם, וועט דאָס וואַסער פון זיך אַליין אָפּטרעטען“.

דער מהרש״ל האָט געזאָגט: „איך בין מבטיח מעהר ניט צו רודפ׳ן דעם האר״י און איך זעה איצט בחוש אַז ער איז אַן איש אלקים און גלויב אַליין אין זיינע מופתים“.

דאַמאָלט האָט ר׳ חיים ווייטער מכוון געווען און דאָס וואַסער האָט אָנגעהויבען איינפאַלען און אָפּלויפען צוריק. אַז

עס איז געוואָרען טרוקען, האָט ר' חיים ערשט געוויזען פאַר דעם מהרש"ל זיין כח אין קבלה און איהם ערקלעהרט ווי אַזוי מיט וואָסערע שמות ער האָט געבראַכט די וואַסער, כדי ער זאָל איהם ניט חושד זיין אין כחות טמאים ווי כשוף און דאָס גלייכען.

פון דאַמאָלט אָן האָט דער מהרש"ל געגלויבט אין האר"י און איהם אַליין געלויבט פאַר דער וועלט, אַז ער איז אַן איש אלקים שאין כמוהו.

---

כב.

## די מעשה, וואָס האָט דערנעהנטערט דעם האר"י'ס פטירה

איינמאָל האָט דער האר"י הק' געלערנט מיט די תלמידים חכמת הקבלה אין דעם זוהר. ער האָט פאַר זיי ענטדעקט פיעל סודות וואָס מען האָט פאַר איהם קיינמאָל ניט געהערט און זייערע פנים'ער האָבען געלויכטען פאַר פרייד. נאָר ווען עס איז געקומען צו איין פונקט אין סדר ויקרא, האָט דער האר"י זיך פלוצלינג אָפּגעהאַלטען און ניט געוואָלט זאָגען. האָט איהם דער גרעסטער פון די תלמידים, ר' חיים וויטאַל, אָנגעהויבען שטאַרק בעטען, ער זאָל זאָגען דאָרט די סודות. האָט איהם דער האר"י געזאָגט:

„ליעבער תלמיד, פאַרלאַנג דאָס ניט פון מיר. ווייל ווען דו וועסט שטאַרק בעטען, וועל איך ניט קענען ביישטעהן און פאַר אייך מגלה זיין און דאָס איז אַ גרויסע סכנה".

האָט ר' חיים וויטאַל אָנגעהויבען שטאַרק צו וויינען און געזאָגט: „היילינער רבי! וואָס קען זיין אַ גרעסערע סכנה

ווי שטאַרבען ניט וויסענדיג די סודות התורה ? אָהן דער תורה איז ביי אונז דער לעבען גאָר ניט ווערט. האָט רחמנות אויף אייערע תלמידים און דערצעהלט אונז די סודות התורה״.

דער האר״י האָט נאָכגעגעבען און מגלה געווען פאַר די תלמידים די פאַרבאָרגענע סודות.

אָבער ער האָט נאָך ניט באַוויזען צו ענדיגען די דברי־תורה, ווי זיין פנים האָט זיך פאַרוואָלקענט און ער האָט אַרויס־געלאָזען שווערע קרעכצען. קיינער האָט ניט מעיז געווען איהם פרעגען די סיבה. נאָר ר׳ חיים וויטאַל האָט ניט געקענט צו־קוקען דעם רבינ׳ס צער און איהם געפרעגט : „רבי, זאָגט מיר, וואָס איז אייער צער. אפשר קענען מיר, אייערע תלמידים, עפּעס מתקן זיין ?״

האָט איהם דער האר״י געזאָגט : „אין דער רגע, וואָס איך האָב אייך מגלה געווען די תורה, איז אַרויס אַ שרעקליכע גזירה אין הימעל, אַז די בוים וואָס קען ניט טראָגען איהרע פּירות מוז אָפּגעהאַקט ווערען. אַלזאָ זאָלסטו וויסען, אַז איך וועל מו־זען דעם יאָהר שטאַרבען, ווייל איך האָב ניט געקענט איינהאַל־טען די געטליכע סודות״.

האָט ר׳ חיים וויטאַל פאַרבראָכען מיט די הענט און אַרויס־געלאָזען שרעקליכע קולות פון געוויין :

„רבי, הייליגער רבי ! דאָס איז מיין שולד, וואָס איך האָב אייך גענייט מיר זאָגען״.

האָט איהם דער האר״י געזאָגט :

„איך בין זיך ניט מצער פון דעם. מיר אַרט ניט, וואָס איך וועל שטאַרבען אַ יונגער, ווייל די נאַרישע וועלט איז ניטאָ וואָס צו זשאַלעווען. איין רגע חיי העולם הבא איז טייערער פון גאַנצע חיי העולם הזה. וואָס איך דאגה איז נאָר דאָס, וואָס איהר בלייבט אָהן אַ מורה דרך. עס וועט ניט זיין ווער עס זאָל

איפהויבען אייערע נשמות און איהר וועט זיין ווי שאָף אָהן אַ פּאַסטוך".

דער האר"י האָט פאַרשוואָרען ר' חיים וויטאַל אַז ער זאָל דעם סוד פון זיין פּטירה קיינעם פון די תלמידים ניט דערצעהלען, זיי זאָלען זיך ניט מצער זיין און לערנען ווי פריהער, אָהן קיין שום ערבוביה.

---

כג.

## ווי דער האר"י ז"ל פלעגט מגלה זיין די קברים הקדושים

ביז דעם האר"י הקדוש זיינען געווען הונדערטער קברים פון נביאים, תנאים ואמוראים און אַזוי גאונים וחכמים, וואָס מען האָט ניט געוואוסט ווער עס ליגט אין זיי. די גזירות און די טלטולים פון די טויזענדער יאָהרען, האָבען אָפּגעריבען יעדען שפור און יעדען סימן וואָס איז נאָר געווען. די מצבות זיינען געווען אַרויסגענומען און קיינער האָט ניט געוואוסט ווער עס ליגט אין יעדען קבר. דער האר"י האָט אָבער ברוח קדשו געזאָגט אויף יעדען קבר ווער עס רוהט אין איהם. מען האָט אין סך פאַלען דערנאָך חוקר ודורש געווען און געפונען פנקס'ען פון קהל, וואו מען האָט געזעהן אַז אַלעס איז ריכטיג ווי ער האָט געזאָגט.

איינמאָל איז דער האר"י געגאַנגען צוזאַמען מיט דעם גאון ר' משה גאַלאַנטי אויף דעם קבר פון דעם הייליגען תנא ר' יהודה בן אילעי מתפלל זיין. האָבען זיי געזעהן ווי אויף איין בוים איז געשטאַנען אַ קראָ (ראָבע) און געשריען. דער קראָ

איז געפלויגען פון איין צווייג אויף דעם אנדערן און נאָכאַנאַנד געשריען מיט אַ פראַכטפולע, קלאָרע שטימע. עס האָט אויסגעקוקט ווי די פויגעל בעט עפּעס ביי זיי און שרייט מיט תחנונים, מען זאָל איהר ניט אָפּזאָגען.

זאָגט דער גאון גאַלאַנטי צום האר"י: „איהר ווייסט, עס פאַלט אַ פחד צו הערען די שטימע".

ענטפערט דער האר"י:

„רבי! (דער גאון גאַלאַנטי איז געווען עלטער פון האר"י און דער האר"י האָט איהם גערופען רבי) איהר האָט דאָך געקענט דעם אידען שעפּסעל מוכסניק. ער איז געווען אַ ממונה פון דער טערקישער מלוכה צו איינמאָנען צינזען, איז ער געווען אַ גרויסער אַכזר און רשע און פלעגט פון די אָרימעלייט די לעצטע בגדים פון הויט אַראָפּציהען. ער פלעגט אויך אויסטראַכטען בלבולים אויף אידען. איז ער ניט לאַנג געשטאָרבען. זיין נשמה ליגט דאָס יעצט אין דער קראָ אין גרויס צער און בעט פון אונז רחמים, מיר זאָלען פאַר איהר מתפלל זיין".

„נו, ווי זאָלען מיר טאָן?" האָט דער גאון געפרעגט. „אפשר זאָלען מיר פאַר איהם מתפלל זיין?"

„חס וחלילה", האָט דער האר"י געענטפערט. „ער מוז זיין אין קראָ זיין באַשטימטע צייט, ווייל אַזוי איז דער פסק פון בית דין של מעלה".

און דער האר"י האָט געגעבען אַ געשריי צום קראָ: „גייה אַוועק פון דאַנען. מיר קענען פאַר דיר גאָר ניט טאָן".

דער קראָ האָט גלייך מיט אַ ווילדען געשריי אויסגעשפּרייט די פליגלען און אַוועקגעפלויגען.

## כד.

# דעם האר"י הקדוש'ס פטירה

אין דעם לעצטען יאָהר פאַר זיין פּטירה איז אַ פינסטערער וואָלקען געהאַנגען איבער דעם האר"י'ס געזיכט. ער איז שטענדיג געווען פאַראומערט און פאַרטראַכט. ער פלעגט אָפט באַזוכען אַלטע קברים און מתפלל זיין ביי די עצמות הקדושות.

איינמאָל איז ער מיט די תלמידים געגאַנגען אויף די קברים פון די תנאים שמעיה און אבטליון אין גוש חלב און זיי האָבען דאָרט מתפלל געווען פאַר דעם כלל ישראל. האָט דער האר"י געבעטען זיינע תלמידים, אַז זיי זאָלען מתפלל זיין פאַר משיח בן יוסף, ער זאָל ניט שטאַרבען אַזוי גיך. די תלמידים האָבען ניט פאַרשטאַנען און גערעכנט אַז ער בעט דאָס טאַקע פאַר משיח'ן. באמת האָט ער דאָס געמיינט אויף איהם אַליין, ווייל ווי דער האר"י פלעגט שטענדיג זאָגען, האָט ער געשטאַמט פון משיח בן יוסף.

אין דעם טאָג פון זיין שטאַרבען איז צו איהם אַריין איינער פון זיינע תלמידים, ר' יצחק הכהן. זאָגט צו איהם דער האר"י:

„היינט איז דער טאָג וואָס איך ווער נפטר פון דער וועלט".

האָט זיך ר' יצחק הכהן פאַרנאַנדערגעוויינט און געזאָגט:

„רבי, איז דאָס די גוטע האָפענונג, וואָס מיר האָבען אַלץ געהאָפט צו הערען פון אייך תורה און חכמה?"

האָט דער האר"י געזאָגט:

„ווען ביי אייך, חברים, וואָלט געווען שלום ואחדות, וואָלט איך נאָך געווים לאַנג געלעבט".

האָט איהם ר' יצחק ווייטער געפרעגט:

„ווי זאָלען מיר זיך איצט פיהרען, הייליגער רבי?"

האָט אויף דעם דער האר"י געזאָגט:

„זאָג אָן, מיין קינד, אַלע חברים, אַז פון היינט און ווייטער זאָלט איהר למען השם אַליין ניט לערנען די חכמת הקבלה און איהר זאָלט זיך ניט באַנוצען מיט שמות הקדושים, ווייל ביי דעם קלענסטען טעות קענט איהר נאָך חס ושלום די וועלט חרוב מאַכען. ר' חיים וויטאַל אַליין האָט דעם רשות אייך זאָגען סודות התורה".

דאַן האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנד און געזאָגט:
„געה שוין ארוים פון חדר, ווייל דו ביזט אַ כהן, טאָרסטו ניט זיין וואו אַ מת".

איז ר' יצחק הכהן אַרויסגעלאָפען מיט גרוים געוויין און געשריען איבער די גאַסען: „די קרוין פון אונזער קאָפּ איז אַראָפּגעפאַלען, די זון און ליכט פון אונזערע אויגען, אונזער הייליגער רבי, דער האר"י, געהט פון אונז אַוועק".

באַלד זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די גרעסטע גאונים און צדיקים פון צפת צו זיין ביי יציאת נשמה. ביי דער גסיסה איז ווי אַן עמוד אש זיך אויסגעצויגען איבער'ן חדר און פאַרשפּרייט דעם האר"י'ס פנים פון אַלע מסובים. באַלד האָט זיך געהערט דער פסוק „שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד" און זיין הייליגע נשמה האָט זיך געשיידט מיט זיין קדוש'דיגען גוף.

דאָס איז געווען ביום ג', חמשה ימים לחדש מנחם אב, שנת ה' של"ב.

באַלד האָט זיך די נייעס פון האר"י'ס פטירה פאַרשפּרייט איבער דער וועלט. איבעראַל, אין אַלע שטעדט, אין ארץ ישראל און אין חוץ לארץ, האָט מען געמאַכט הספדים און געקלאָגט אויף דער גרויסער אבדה. עס האָבען אַלע געפיהלט, ווי אַ גרויסע ליכט האָט זיך אויסגעלאָשען אויף דער וועלט.

מען האָט איהם מקבר געווען אין צפת, ביים זייט פון די צוויי גרויסע גאונים פון יענעם דור, רבינו יוסף קרא, דער מחבר פון שלחן ערוך, און רבינו משה קורדואירו ז"ל.

ל.

# מעשה מיט ר׳ אברהם פון קראקוי

אין קראקוי האָט אַמאָל געוואוינט אַ איד אַ גרויסער צדיק און אַ חכם מיט׳ן נאָמען ר׳ אברהם. ער איז געווען אַ גרויסער געלערנטער, האָט געקענט אַ סך שפּראַכען און איז אויך געווען אַ מליין און אַ דברן. ער פלעגט זיך אָבער פאַרבאָרגען מיט זיין גרויסקייט און קיינער האָט דערפון ניט געוואוסט. אַלע מענשען האָבען געמיינט אַז ער איז אַ תם און פאַרשטעהט ווייניג.

אין זיין צייט איז אין אַ נאָהענטע מדינה אָנגעקומען אַ ביטערע גזירה אויף דעם כלל ישראל. די מעשה דערפון איז געווען אַזוי: דער מלך פון יענער מדינה איז געווען אַן איש חסד, ער האָט געטאָן גוטס צו אַלע פעלקער וואָס האָבען געוואוינט אונטער זיין רשות און אויך צו די אידען.

אויך די מלכה איז געווען געראָטען אין קעניג. זי האָט געהאַט אַ גוט האַרץ, האָט רחמנות געהאַט אויף אַלמנות און יתומים און איז פאַר אַלעמען געווען ווי אַ ליבע מוטער.

אַמאָל איז די מלכה קראַנק געוואָרען. האָבען אַלע מענשען פון דער מדינה, און אויך די אידען, געבעטען רחמים, מתפלל געווען פאַר איהר, אָבער עס האָט קיין זאַך ניט געהאָלפען. די מלכה האָט מעהר קיין יאָהרען ניט געהאַט און איז געשטאָרבען.

נאָך דעם ווי עס איז אַריבער אַ שטיקעל צייט און דער מלך האָט זיך אַביסעל באַרוהיגט פון זיין אומגליק, האָבען זיינע שרים צוגעשיקט בריף צו אַלע מלכים, אַז דער מלך זוכט אַ בת מלכה פאַר אַ ווייב.

באַלד איז אָנגעקומען אַ ידיעה פון אַ ווייטער מדינה, אַז יענער מלך האָט אַ טאָכטער וואָס איז שעהן ווי די זון און איז

קלוג און קען אַ סך לשונות. דער קעניג איז באַלד געפאָהרען אין יענער מדינה. ער האָט געזעהן דער בת מלכה און זיך תיכף אין איהר פאַרליעבט. ער האָט איהר תיכף געבעטען מיט איהם חתונה צו האָבען און פאָהרען אין זיין מדינה, זיין דאָרט די מלכה.

די בת מלכה איז אָבער מיט איהר גרויס שעהנקייט אויך געווען אַ גרויסע צוררת היהודים. זי האָט פשוט אַ אידען ניט געקענט אָנקוקען, און זי האָט געזאָגט צום קעניג:

„ליבער קעניג, דו געפעהלסט מיר זעהר. איך בין גרייט מיט דיר צו חתונה האָבען, אָבער, ווי איך ווייס, וואוינען ביי דיר אין מדינה זעהר פיעל אידען, און איך האָב זיי פיינט און איך קען ניט זיין, וואו זיי געפינען זיך. גיב אַרויס אַ גזירה, אַז די אידען זאָלען אַרויס פון דיין מדינה, דאַמאָלט וועל איך מיט דיר חתונה האָבען און פאָהרען אין דיין לאַנד".

דער מלך איז געוואָרען זעהר פאַרזאָרגט הערענדיג איה־רע רייד. ער האָט זעהר געאַכטעט די אידען פון זיין מדינה און איז זיי געווען אַ גוטער פריינד, און די האַרץ האָט איהם וועה געטאָן, ער זאָל זיי דאַרפען טאָן שלעכטס. אָבער די ליבע צו דער בת מלכה האָט אין איהם געברענט ווי אַ פייער, זי האָט איהם ממש ווי פאַר'כשופ'ט און ער האָט ניט געקענט ביי זיך פועל'ן, ער זאָל אָפזאָגען איהר פאַרלאַנג און דאַמיט איהר פאַר־לירען.

דער קעניג איז אַוועקגעפאָהרען אַהיים און זיך לאַנג גע־ישוב'ט, וואָס צו טאָן. לסוף האָט די ליעבע צו דער בת מלכה גובר געווען, און בעל-כרחו האָט דער קעניג אַרויסגעגעבען אַ גזירה, אַז אין פאַרלויף פון איין יאָהר מוזען די אידען פאַר־לאָזען זיין מדינה.

ווען דעם מלך'ס באַפעהל איז אָנגעקומען צו די אידען פון לאַנד, איז געוואָרען אַ גרויסע יללה. מען האָט גוזר-תענית

געוועז, און מען האָט אָנגעטאָן זעק אויף די קעפּ, מען האָט גע־וויינט און געבעטען ביים רבונו של עולם, ער זאָל איבערקעה־רען די האַרץ פון מלך צום גוטען און ער זאָל מבטל מאַכען די גזירת.

די צייט איז דערוויל געלאָפען, און עס האָט זיך דער־נעהנטערט דער טערמין, ווען די אידען האָבען געדאַרפט פאַר־לאָזען דאָס לאַנד. מען האָט אָנגעהויבען אויספאַרקויפען בחנם די האָב און גוטס, וואָס מען האָט זיך אָנגעגרייט פון דורות, און דערביי ניט אויפגעהערט צו וועקען רחמים ביי גאָט, דורך סיגופים און יללות, אפשר וועט קומען אַ שנוי לטובה.

ווען דער געוויין פון די אידען האָט אויך דערגרייכט קראַ־קוי, איז ר׳ אברהם אַוועק צו קראָקאווער רב און צו איהם גע־זאָגט:

„רבי, רופט אויף גאַנץ שטאָט אין שוהל. איך וויל פאַר זיי דרשה׳נען, זיי זאָלען געבען געלט פאַר דעם כלל ישראל אין דער נאָהענטער מדינה. ווען איך וועל אויפקלייבען טויזענד רענדלאַך, האָב איך אַן עצה ווי זיי צו ראַטעווען״.

דער רב האָט איהם אָנגעקוקט ווי משוגע. ער, דער תם, וועט ריידען צום עולם און וועט קריגען טויזענד רענדלאַך און ער וועט מציל זיין דעם כלל ישראל. ער האָט איהם דעריבער אָפּגעזאָגט און נאָך אָנגעשריען אויף איהם.וואָס ער האָט זיך איינגעשמועסט אַזאַ ווילדע זאַך.

אין דער זעלבער נאַכט האָט זיך דעם רב גע׳חלום׳ט אַ שרעקליכער חלום. ער האָט געזעהן, ווי מחנות אידען, יונגע און אַלטע, ווייבער און קינדער, מיט פעקלאַך אויף די פּלייצעס, שטעהן פאַר איהם און וויינען ביטערע יללות און זיי שרייען אויף איהם, אַז ער איז דער שולדיגער. ער האָט זיי געקענט מציל זיין און ניט געוואָלט. „ווי אַזוי האָב איך דאָס געקענט?״ האָט דער רב זיך ביי זיי געבעטען און אויך צוזאַמען מיט זיי

געווינט. „איהר האָט געקענט, רבי, איהר האָט געקענט", האָט איהם איין אַלטער מאַן געזאָגט. דער רב קוקט זיך צו אין דעם אַלטען מאַנ'ס פנים, עפּעס איז ער איהם באַקאַנט. פּלוצלינג איז דעם אַלטענ'ס געשטאַלט פאַרענדערט געוואָרען, און ער האָט דערזעהן ר' אברהם שטעהט לעם איהם און שמייכעלט.

דער רב האָט זיך אויפגעכאַפּט און געדיינקט דעם חלום. ער האָט גלייך געשיקט רופען נאָך ר' אברהמ'ען און איהם געזאָגט, אַז ער זאָל זיך צוגרייטען מיט דער דרשה, ווייל ער געהט נאָך היינט רופען דעם עולם אויף אַן אסיפה.

מען האָט געלאָזט פויקען אין די גאַסען, און באַלד בייגאַכט איז געווען גאַנץ שטאָדט אין שוהל.

ר' אברהם האָט גערעדט צום עולם, זיי דערצעהלט פון דער גזירה אויף די אידען. פון זיין מויל האָט זיך געשאָטען פּערל. ער האָט מיט זיין ריידען מעורר געווען אַלעמענס הערצער און די שוהל איז ממש אַרומגעשוואומען אין טרעהרען. יעדער איינער האָט געשאָטען מיט געלט נאָך מעהר ווי מען האָט געדאַרפט, און גיך איז געוואָרען נאָך מעהר ווי טויזענד רענדלאָך.

ר' אברהם האָט גענומען דאָס געלט און האָט תיכף געקויפט אַ שעהנע קאַטש און אַ פערד און געדונגען אַ שעהנעם קוטשער. ער האָט פאַר זיך געלאָזט מאַכען מלבושים פון אַ כומר, און פאַר דעם קוטשער, זיינע פאַסיגע זאַכען. אַז אַלץ איז געווען פאַרטיג, האָט זיך ר' אברהם אַנגעטאָן ווי אַ כומר און געהייסען דעם קוטשער פאָהרען אין דער עיר המלוכה פון יענער מדינה, וואו דער מלך האָט געדאַרפט נעמען דער שלעכטער בת מלכה. ער איז פאַרפאָהרען צום בישאָף, וועלכער האָט געדאַרפט געבען חופה וקדושין דעם מלך.

ר' אברהם, פאַרשטעלט ווי אַ כומר, האָט געזאָגט דעם בישאָף, אַז פון הימעל האָט מען איהם געהייסען פאָהרען בענ־

שען דעם מלך און דער מלכה צו זייער חתונה, און ער איז דע־ריבער אהער געקומען.

דער בישאָף האָט זיך מיט איהם פאַרנאַנדערגעשמועסט, און האָט דערזעהן, אַז ער איז באמת אַ גרויסער מאַן. ער האָט איהם צוגענומען מיט גרוים כבוד און איהם אָפּגעגעבן אַ הדר ביי זיך אין הויז.

די גאַנצע צייט, ביז דער חתונה, האָט דער בישאָף פאַר־בראַכט מיט ר' אברהמ'ען אין ענינים פון חכמה און פון זייער אמונה. דער בישאָף, וואָס איז אַליין געווען אַ גרויסער חכם, האָט געזעהן אַז ר' אברהם איז העכער פון איהם און האָט איהם נאָך מעהר מכבד געווען.

אַז עס איז געקומען דער טאָג פון דעם מלך'ס חתונה, האָט ר' אברהם געזאָגט צום בישאָף:

„איהר זאָלט פאַר קיינעם ניט מגלה זיין, אַז איך בין גע־קומען בענטשן דעם קעניג. נאָר ווען אַלע געסט וועלען שוין זיצען ביים טיש, זאָלט איהר מיר דערמאָנען און בעטען מען זאָל מיר ערלויבען זאָגען אַ דרשה".

דער בישאָף האָט איהם צוגעזאָגט צו טאָן אַלצדינג וואָס ער פאַרלאַנגט.

ווען דער בישאָף איז אַוועקגעגאַנגען, איז ר' אברהם אַריין אין זיין פאַרמאַכטען קאַטש און אָנגעטאָן זיין טלית און תפלין. ער האָט זיך געשטעלט תפלה טאָן און מיט תחנונים געבעטען גאָט, ער זאָל רחמנות האָבען אויף דעם כלל ישראל און איהם מצליח זיין אין זיינע שליחות. נאָכ'ן דאַווגען האָט ער צוריק באַהאַלטען דעם טלית ותפלין, נאָר דעם טלית־זעקעל, אַ ליידיגען, האָט ער אונטערגעלייגט אונטער זיינע מלבושים.

עס האָט ניט געדויערט לאַנג און עס איז באַלד אָנגעקומען אַ שליח פון קעניג, אַז אַלע געסט זיצען שוין ביים טיש, און

דער בישאָף האָט ווענען איהם דערצעהלט און דער קעניג האָט געבעטען, ער זאָל גלייך קומען.

ר' אברהם איז גלייך אַוועק מיט'ן שליח. אַז ער איז אַריין אין זאַל, וואו אַלע זיינען געזעסען, האָט מען איהם אויפגענו־מען מיט גרויס כבוד און איהם מכבד געווען האַלטען אַ דרשה.

ר' אברהם האָט גלייך גענומען ריידען בלשון המדינה אין אַזעלכע שעהנע אויסדרוקען, אַז אַלע האָבען געזעהן, אַז ער איז אַ גרויסער מלומד. דערנאָך האָט ער געבענשט דעם מלך און דער מלכה. פאַר דער מלכה האָט ער גערעדט אין דער שפּראַך פון איהר לאַנד, און אויך אין יענעם לשון האָט ער גע־וויזען וואונדער.

אַז ער האָט געענדיגט ריידען, האָט איהם דער מלך אָנ־געגאָסען אַ בעכער וויין און געבעטען טרינקען. ר' אברהם האָט אָבער געזאָגט, אַז ער קען נישט טרינקען ביז ער וועט ענדיגען זיינע ווערטער. ער האָט זיי געזאָגט, אַז ניט נאָר בענשען איז ער אַהערגעקומען, נאָר ער האָט אויך געבראַכט אַ שעהנע מתנה פאַר דער מלכה, אַזעלכע וואָס געפינט זיך ניט אין די אוצרות פון די מלכים.

ער האָט אַרויסגענומען דעם טלית־זאַק, איהם אויסגע־שאָקעלט פאַר אַלעמען אין די אויגען און געזאָגט צו זיי:

„איהר זעהט, עס איז ליידיג. אָבער ווען די מלכה וועט אַריינשטעקען די לינקע האַנט אין זעקעל, וועט זי אַרויסנעמען אַ טייערען חפץ".

די מלכה האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין טלית־זעקעל, זי האָט אָבער באַלד אַרויסגעלאָזען אַ געשריי און אַרויסגע־כאַפּט די האַנט צוריק. די האַנט איז געווען אַרומגעוויקעלט מיט פאַרשידענע מינים שלאַנגען. די שלאַנגען האָבען זיך גע־דרעהט אהין און אַהער און אַרויסגעלאָזען זייערע גיפטען.

אַ שרעק איז מיט אַמאָל אַלעמען באַפאַלען. דער לשון איז ביי אַלעמען אָפּגענומען געוואָרען און זיי זיינען געבליבען שטעהן ווי פאַרגליווערט. ר׳ אברהם האָט דאַמאָלט געזאָגט הויך צו דער מלכה:

„זאָלסט וויסען, אַז איך בין אַ איד. דאָס איז די מתנה, פאַר דער גזירה וואָס דו האָסט געבעטן דעם קעניג אַרויסגעבען געגען די אידען. אויב דו ווילסט ראַטעווען דיין לעבען, זאָלסטו שוין אונטער׳חתמ׳נען אַ פּאַפּיר וואָס איך גיב דיר דאָ און אָפּרופען די גזירה. וויבאַלד ניט, וועל איך זאָגען איין וואָרט, און דו וועסט שטאַרבען“.

די מלכה האָט געכאַפּט און גע׳חתמ׳עט אַ פּאַפּיר, אַז מען זאָל די אידען ניט ריהרען פון אָרט. און האָט זיך געבעטען ביי ר׳ אברהמ׳ען, אַז ער זאָל איהר גלייך באַפרייען פון די שלאַנגען. זי האָט נאָך צוגעזאָגט, אַז זי וועט טאָן די אידען נאָך גוטס, און וועט שוין וויסען פון זייער גרויסקייט.

ר׳ אברהם האָט איהר געהייסען אַריינלייגען די האַנט צוריק אין זעקעלע. זי האָט אַזוי געטאָן, און האָט אַרויסגענומען די האַנט צוריק אַ ריינע ווי געווען, מיט אַ גרויסען אבן-טוב, וואָס מען זעהט ניט ביי קיין מלך.

עס איז געוואָרען אַ גרויסע שמחה ביים טיש, ווייל דער מלך און די שרים האָבען דאָך אַליין געוואָלט, אַז די גזירה זאָל ווערען בטל.

ר׳ אברהם האָט זיך שנעל געזעגענט מיט׳ן מלך און דער מלכה, געדאַנקט דעם בישאָף און איז פאַרשוואונדען.

ער איז געלאָפען מיט׳ן קאָטש אָנזאָגען אַלע אידען די גוטע בשורה, אַז זיי זיינען פריי, מען וועט זיי שוין ניט טרייבען פון זייערע ערטער. די שמחה פון ר׳ אברהמ׳ס בשורה איז ניט צו באַשרייבען. מענשען האָבען זיך געקושט און געטאַנצט אין די גאַסען, און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן פון פרייד

ר׳ אברהם איז תיכף אוועקגעפאָהרען אין קראָקע. די איי־דען פון שטאָט האָבען שוין דערוויל געוואוסט ווער ר׳ אברהם איז און איהם אָנגעהויבען מכבד זיין. אָבער אויפ׳ן דריטען טאָג נאָך זיין קומען פון דער שליחות איז ר׳ אברהם נפטר גע־וואָרען. ער האָט איבערגעלאָזען אין דער צוואה, אז אויף דער מצבה זאָל מען ניט מעהר אויפשרייבען ווי די ווערטער:

„פה נטמן ר׳ אברהם התמים".

## אַ וואונדערליכע מעשה מיט דעם קאָזעניצער מגיד זי"ע

אין אַ שטעטעל אין פוילען האָט געוואוינט אַ איד אַ חסיד און אַ מופלג בתורה. ער איז געווען רייך און געלעבט מיט זיין ווייב בשלום. נאָר ער האָט געהאַט אַ גרויסען צער. עס זיינען שוין אַריבער פיעל יאָהרען נאָך זיין חתונה און זיין ווייב האָט ניט געהאַט קיין קינד. דער איד איז געווען איינער פון דעם קאָזעניצער מגיד׳ם טרייע חסידים. ער פלעגט פאָהרען יעדען חודש אין קאָזעניץ, זיך מזכיר זיין ביים רבי׳ן. ער האָט יעדעס מאָל געבעטען דעם מגיד הקדוש, ער זאָל פאַר איהם מתפלל זיין ער זאָל האָבען קינדער און נישט זיין קיין הולך ערירי. דער מגיד פלעגט זיך אָבער שטענדיג משתמט זיין און ניט ענטפערן איהם אויף זיין בקשה. אז דער איד פלעגט קומען אהיים און דערצעהלען דער ווייב, אז דער מגיד ענטפערט איהם ניט אויף זיין בקשה, פלעגט זי איהם פאַרביטערען דעם לעבען און איהם זאָגען, ער זאָל ווייטער נישט אָפּטרעטען פון מגיד, ביז ער וועט איהם געבען אַ קלאָרע תשובה, צי וועלען זיי

אַמאָל האָבען קינדער אָדער ניט, און אויב ניט, וועלען זיי זיך גט'ן.

דער חסיד איז נאָכאַמאָל געפאָהרען קיין קאָזעניץ. ער איז פון מגיד ניט אָפּגעטראָטען, ער האָט געוויינט זעהר ביטער און געקלאָגט, אַז ער האָט שוין קיין כח ניט צו פאַרטראָגען דער ווייב'ס צרות און דער רבי מוז איהם געבען אַ קלאָהרע תשובה.

דער הייליגער מגיד האָט אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל, אַ ווײַלע זיך פאַרזונקען אין מחשבות. דערנאָך געזאָגט צום אידען: „אויב דו ווילסט פאַרלירען דיין גאַנצען פאַרמעגען, וועסטו האָבען אַ קינד. דו וועסט אָבער מוזען בלייבען אויף דיין גאַנצען לעבען אַן אביון".

דער חסיד איז געבליבען צוטומעלט. ער האָט ניט געוואוסט צי ער זאָל מסכים זיין אָדער ניט. דער מגיד האָט איהם אָבער לאַנג ניט געלאָזען טראַכטען, און צו איהם געזאָגט: „פאָהר אַהיים און זיי זיך מיישב מיט דיין ווייב, דערנאָך וועסטו קומען און געבען אַ תשובה. נאָר אויב דו וועסט מסכים זיין, זאָלסטו מיטנעמען מיט זיך די גאַנצע געלט וואָס דו פאַרמאָגסט".

דער חסיד איז געקומען אַהיים און דערצעהלט דער ווייב דעם מגיד'ס רייד. זי האָט לאַנג ניט געקלערט און דרייסט געענטפערט, אַז זי וויל ליבער זיין אָרים און האָבען קינדער, איידער זיין רייך און קינדערלאָז.

דער חסיד איז צוריקגעפאָהרען נאָך קאָזעניץ און איבערגעגעבען דעם מגיד, אַז ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך זיין גאַנצען פאַרמעגען.

דער מגיד האָט איהם געהייסען נעמען די געלט מיט זיך און פאָהרען קיין לובלין צום הייליגען רבי ר' יעקב יצחק זי"ע. ער זאָל זאָגען דעם רבי'ן, אַז ער, דער מגיד, האָט איהם, דעם

חסיד, געשיקט צו איהם, ער זאָל עפּעס טאָן, אַז דער חסיד זאָל האָבען קינדער.

ער האָט אַזוי געטאָן און איז גלייך אַוועקגעפאָהרען קיין לובלין צום רבי'ן. דער רבי האָט איהם אויסגעהערט און האָט איהם געהייסען זיך אָפּשטעלען אין שטאָט, ער זאָל פאַרפאָהרען אין אַ האָטעל און דאָרט וואוינען ביז ער וועט איהם געבען אַ תשובה. דער חסיד האָט געפאָלגט דעם רבי'ן און האָט גע־וואוינט אַ לאַנגע צייט אין לובלין אין אַ האָטעל.

איינמאָל האָט דער רבי געשיקט אַ שליח, אַז דער חסיד זאָל צו איהם קומען. מיט שמחה איז דער חסיד געלאָפען צום רבי'ן. דער רבי האָט איהם געהייסען זיך זעצען, און צו איהם אַזוי געזאָגט:

„דיין רבי, דער מגיד, האָט אַליין דאָס געקענט טאָן, נאָר אַז ער האָט דיר געשיקט צו מיר, וועל איך דיר שוין זאָגען ווי אַזוי דו קענסט געהאָלפען ווערען".

דער רבי האָט אַ ווײַלע מפסיק געווען און דאַן אָנגעהויבען:

„ווי דו ווייסט, איז מיט דיר פאָרגעקומען אַזאַ מעשה. אין דיין יוגענד ביזטו געווען פאַר'קנס'ט מיט אַ כלה. נאָר אַז דו ביזט עלטער געוואָרען, האָסטו דאָס מיידעל פיינט געקראָגען און אָפּגעלאָזט דעם שדוך. דאָס מיידעל האָט פון דעם געהאַט פיעל האַרצווייטאָג און האָט פיעל געוויינט. איהר צער איז געקומען פאַר גאָט ברוך הוא און אַלס עונש דערפאַר, האָסטו נישט קיין קינדער. די איינציגע עצה איז, דו זאָלסט אויפזו־כען דיין געוועזענע כלה און איהר איבערבעטען, וועסטו האָבען קינדער".

„אָבער ווער ווייס איצט וואו זי איז? ווי קען איך איהר געפינען?" האָט דער חסיד געפרעגט דעם רבי'ן.

„איך וועל דיר געבען אַן עצה", האָט דער רבי געזאָגט.

„אין צוויי חדשים אַרום וועט זיין אַ יריד אין באַלטע. דאָרט אויף דעם יריד וועט זיין די פרוי, דיין געוועזענע כלה. זאָלסטו דאַמאָלט אויך פאָהרען אויפ׳ן יריד און נעמען זיך די געלט. און איך בין דיר מבטיח, אַז דו וועסט איהר געפינען. זאָלסטו איהר איבערבעטען און הערען פון איהר מויל, אַז זי איז דיר מוחל".

דער חסיד איז אוועקגעפאָהרען אַהיים און אין אַ חודש אַרום אָנגעהויבען לאַנגזאַם זיך לאָזען קיין באַלטע צום יריד.

ער איז געקומען קיין באַלטע נאָך אַ וואָך צום יריד. פאַ־מעליך האָבען שוין אָנגעהויבען צונויפפאָהרען די סוחרים. מען האָט אויפגעבויט ביידלאַך און אויסגעלייגט סחורה. דער חסיד האָט אַרומגעוואַנדערט איבער די גאַסען, באַטראַכט יעדען סוחר און סוחר׳טע וואָס זיינען געקומען צופאָהרען. ער האָט אַלץ געזוכט טאָמער וועט ער טרעפען זיין געוועזענע כלה. אָבער ער האָט איהר ערגעץ ניט געפונען.

אַזוי איז אַריבער אַ וואָך, ביז עס זיינען געקומען די טעג פון יריד. דער יריד האָט זיך געצויגען דריי טעג. די ערשטע צוויי טעג פון יריד האָט דער חסיד ניט גערוהט, ער האָט זיך אַרומגעדרעהט און דורכגעשפּאַרט צווישען אַלע הענדלערס, גע־קוקט אַלעמען אין פנים און אויך געפרעגט אויף אַזאַ פרוי, אָבער קיינער האָט פון קיין זאַך ניט געוואוסט, און ער האָט איהר ניט באַגעגענט. ערשט אויפ׳ן דריטען טאָג, ווען די סוחרים האָבען זיך שוין גענומען פאַרנאַנדערצופאָהרען, האָט פאַרנאַכט צו אויסגעבראָכען אַ שרעקליכער רעגען. דער חסיד איז אַריינ־געלאָפען אין אַ קראָם איבערוואַרטען דעם רעגען. האָט מען איהם פון דאָרטען אַרויסגעטריבען, איז ער אַרויס אין גאַס און געזעהן, אַז אונטער אַ דאַך אויף אַ גאַנעק שטעהן אַ געזעמעל מענשען און וואַרטען איבער דעם רעגען. ער איז אויך דאָרט צוגעלאָפען און זיך געשטעלט. ער איז אַזוי געשטאַנען אַ ווייל,

ערשט ער זעהט לעבען איהם שטעהן צוויי רייכע פרויען, אָנ־געטאָן אין זיידענס און באַהאַנגען מיט דימענטען און אַנדערע טייערע ציערונג. דער חסיד האָט זיך פון זיי אַ ביסעל אָפּגע־רוקט. ער האָט אָבער נאָך אַמאָל געמוזט אַ קוק טאָן אויף די פרויען, ווייל איינע פון זיי איז איהם פאָרגעקומען באַקאַנט. ער האָט געזעהן ווי די באַקאַנטע שמייכעלט צו איהם און דער־צעהלט הויך איהר חבר'טע, אַז דער מענש איז אַמאָל געווען איהר חתן און ער האָט איהר פאַרשעהמט און איהר אוועקגע־וואָרפען, און איצט, כאָטש ער פאַרמאָגט ניט איהר מיסט, מאַכט ער זיך ווי ער קען איהר ניט.

דער חסיד איז גלייך צוגעגאַנגען צו איהר, איהר געגריסט און געבעטען מיט תחנונים, זי זאָל איהם מוחל זיין וואָס ער האָט איהר פאַרשעהמט. ער האָט ניט געוואוסט, אַז דאָס וועט איהר אַזוי קרענקען. ער האָט זיך ביי איהר געבעטען, זי זאָל ביי איהם נעמען אַ מתנה און איהם פאַרגעבען.

זי האָט איהם געענטפערט, אַז זי אַליין דאַרף גאָר ניט. זי איז גענוג רייך און ברויכט ניט קיין מתנות. נאָר אין אַ דאָרף ביי דער שטאָט סובאלק האָט זי אַן אָרימען ברודער, אַ תלמיד־חכם, און ער ברויכט די צייט חתונה מאַכען זיין טאָכטער, זאָל ער אַהין פאָהרען און איהם געבען צוויי הונדערט דוקאַטען, וועט זי איהם מוחל זיין איהר בושה.

האָט ער איהר געבעטען, אפשר וועט זי ביי איהם נעמען דאָס געלד און שיקען דורך אַ שליח צו איהר ברודער, ווייל ער איז אויסגעמאַטערט פון דער שווערער נסיעה קיין באַלטע און האָט ניט קיין כח צו פאָהרען נאָך הונדערט מייל ביז סובאלק. נאָר זי האָט איהם ערקלערט, אַז זי קען דאָס געלט דורך קיי־נעם ניט שיקען, ווייל איהר ברודער איז אַ גרויסער בעל־הוב, און ווען די בעלי־חובות וועלען געוואָר ווערען פון די געלד, וועלען זיי ביי איהם צונעמען און ער וועט ווייטער ניט האָבען

מיט וואָס חתונה צו מאַכען דער טאָכטער. ער מוז אַלזאָ אַליין זיין דער שליח און אָפּפיהרען איהר ברודער די געלט.

באַלד האָט דער רעגען אויפגעהערט. די פרויען האָבען איהם געוואונשען אַלדאָס גוטס און זיינען אַוועק.

דער חסיד איז אַוועק אין אכסניה מיט געפיהלען געמישט פון פרייד און צער. פרייד וואָס ער האָט געטראָפען זיין געווע־זענע כלה, און צער וואָס ער מוז מאַכען די ווייטע רייזע.

באַלד האָט ער אונטערגענומען די רייזע קיין סובאלק. נאָך א וואָך פאָהרען איז ער אָנגעקומען קיין ווילנא און פון דאָרט איז ער געפאָהרען קיין סובאלק, און איז בשלום אַריינגעקומען אין דעם דאָרף, וואו דער ברודער פון דער פרוי האָט געוואוינט. דער חסיד איז אַריין צום ברודער אין הויז און האָט דאָרטען געטראָפען אַ מענשען אַרומגעהענדיג הין און צוריק איבער'ן הויז. דער מענש איז געווען אַזוי פאַרזאָרגט און פאַרזונקען אין מחשבות, אַז ער האָט אַפילו ניט באַמערקט, אַז אימעצער איז אַריינגעקומען אין הויז.

דער חסיד האָט איהם איבערגעהאַקט די געדאַנקען און איהם געפרעגט, אויב איהם רופט מען דאָס ר' ליב סובאלקער. דער מענש האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ אויף יע. דאַמאָלט האָט דער מענש געגעבען „שלום עליכם" דעם חסיד און איהם געפרעגט נאָך וואָס איז ער דאָ געקומען. האָט איהם דער חסיד צוריקגעפרעגט: „איך זעה, אַז איהר זייט זעהר פאַרזאָרגט, עפּעס אַ גרויסע דאגה דריקט אייער געמיט. אפשר קענט איהר מיר זאָגען, וואָס איז אייער זאָרג?" האָט איהם ר' ליב דער־צעהלט מיט אַ צובראָכען האַרץ, אַז ער האָט אַ טאָכטער, האָט ער מיט איהר געטאָן אַ שדוך מיט אַ סובאַלקער נגיד. ער האָט דעם נגיד צוגעזאָגט דריי הונדערט רובעל נדן, אויסער דעם אויסשטייער און מתנות צו דעם חתן. דאָס געלט האָט ער טאַקע געהאַט ליגען במלואו. האָט אָבער דער שררה פון

דאַרף אַרויפגעלייגט אַ גרויסע הוספה אויף דער ערענדע, און דאָס געהייסען באַצאָהלען אין אַ יאָהר פאַראוים, האָט ער איהם געמוזט אָפּגעבען דער טאָכטער'ס נדן, די גאַנצע געלט וואָס ער האָט פאַרמאָגט. יעצט איז שוין אַריבער דער זמן החתונה, און נעכטען האָט איהם דער מחותן צוגעשיקט אַ בריעף, אַז אויב ער וועט ניט במשך פון דריי טעג מסלק זיין דעם גאַנצען נדן, וועט ער איהם אָפּשיקען די תנאים און וועט מיט זיין זוהן טאָן אַן אַנדער שדוך.

ר' ליב האָט דעם חסיד אָנגעוויזען אויף נאָך אַ חדר מיט אַ פאַרמאַכטע טיר און געזאָגט: „אָט דאָ זיצען מיין ווייב און מיין טאָכטער, די כלה, און וויינען, וויל דער חתן איז באמת אַ טייערער בחור מיט אַלע מעלות, אַלע זיינען אונז מקנא מיט דעם שדוך און די מיידעל האָט איהם ליעב".

דער חסיד האָט איהם באַרוהיגט און געזאָגט:

„אָט דאָס בין איך טאַקע אהערגעקומען אום אייך צו העל־פען. איך פיהר דאָ פאַר אייך צוויי הונדערט דוקאַטען אַ מתנה, און איהר וועט קענען מאַכען חתונה אייער טאָכטער".

ר' ליב האָט אָנגעהויבען וויינען פון שמחה און געפרעגט דעם חסיד, ווער איז ער, צי אַ מענש אָדער אַ מלאך, און וואָס האָט ער געפונען ביי איהם אַזאַ גרויסען חן וואָס ער גיט איהם אַזאַ מתנה?

האָט איהם דער חסיד דערצעהלט די גאַנצע מעשה פון אָנהויב ביז'ן סוף, ווי ער האָט באַגעגענט זיין שוועסטער אויפ'ן יריד אין באַלטע, און זי האָט איהם געהייסען אַוועקפיהרען די געלט צו איהם.

אַז דער חסיד האָט געענדיגט דערצעהלען, איז מיט אַמאָל ר' ליב אויפגעשפרונגען פון אָרט און געזאָגט:

„איהר לאַכט גאָר אָפּ פון מיר, ווען איך בין אין אַזאַ צער. פון אָנפאַנג האָב איך געמיינט, אַז איהר רעדט אמת, אָבער אַז

איהר דערצעהלט מיר, אַז איהר האָט גערעדט מיט מיין שוועס־טער, זעה איך אַז איהר מיינט גאָר חזק מאַכען פון מיר, ווייל מיין שוועסטער איז שוין פופצעהן יאָהר טויט, און איך האָב זיך אַליין עוסק געווען אין איהר קבורה".

דער חסיד האָט אויפגעציטערט פאַר שרעק און געזאָגט:

„איך שווער אייך ביי גאָט אין הימעל, אַז איך מאַך חלילה פון אייך ניט חוזק. איך זאָל אזוי קומען בשלום אַהיים, ווי איך האָב מיט מיינע אויגען געזעהן אייער שוועסטער אויפ'ן יריד אין באַלטע. זי האָט דאָרט געשמועסט מיט אַ חבר'טע און זי האָט דאָס מיר געהייסען אָפּפיהרען די געלט.

ר' ליב האָט איהם געזאָגט: „ווען איהר גלויבט מיר ניט אַז זי איז טויט, קען איך אייך פיהרען און ווייזען איהר קבר".

דער חסיד האָט זיך דערוויל באַרוהיגט און געזאָגט:

„ווען די צוויי הייליגע צדיקים, דער קאָזעניצער מגיד און דער רבי פון לובלין, האָבען זיך אין דעם אריינגעמישט, איז דאָס אַלץ אמת. זיי האָבען אַודאי אייער טויטע שוועסטער אַראָפּגעבראַכט אויף דער וועלט, זי זאָל מיר מוחל זיין איהר בושה, איהר זאָלט געהאָלפען ווערען און חתונה מאַכען אייער טאָכטער און איך זאָל האָבען קינדער".

דער חסיד האָט איהם געגעבען די צוויי הונדערט דוקאַ־טען, זיך געזעגענט מיט ר' ליב'ן, און איז געפאָהרען קיין קאָזע־ניץ דערצעהלען דעם הייליגען מגיד די גאַנצע וואונדערליכע מעשה. ווי אָבער ער איז נאָר אַריינגעקומען צום מגיד און גע־וואָלט אָנהויבען ריידען, האָט איהם דער מגיד אָפּגעהאַקט און געזאָגט:

„איך ווייס אַלץ, איך ווייס. דאָס האָסטו זיך אַרומגעשלעפּט און געוואַלגערט זיך, כדי אָפּצוקומען די זינד פון צורייסען די תנאים, ווען איין צד פאַרשעהמט דעם אַנדערן.

לב.

# נאך אַמעשה פון קאָזעניצער מגיד

ראש השנה און יום-כפור פלעגט דער קאָזעניצער מגיד זיך נוהג זיין אַליין צו דאַווענען פאַר'ן עמוד. איין יאָהר איז ער, יום כפור ביינאַכט צו כל נדרי, צוגעגאַנגען צום עמוד דאַווענען. ער איז אָבער אָפּגעשטאַנען צוויי שעה און קיין איין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט פון מויל. ער איז געשטאַנען פאַרטיעפט אין מחשבות און פון זיינע אויגען האָבען זיך געגאָסען ביטערע טרערען. אַלע מתפללים אין שוהל זיינען געשטאַנען אין גרויס אימה, און ניט געוואוסט וואָס זאָל דאָס באַדייטען. זיי האָבען מורא געהאַט איהם עפּעס צו פרעגען. פּלוצלינג האָט ער זיך אויסגעדרעהט מיט'ן פּנים צום עולם און אויפגעעפענט די ליפּען עפּעס צו ריידען. אַלע זיינען געוואָרען טויט שטיל. עס האָט זיך ניט געהערט קיין שאָרך. דער רבי האָט אויסגערופען:

„איז דאָ ניטאָ צווישען אייך אַ פילאָווער איד?"

אַלע האָבען געשוויגען, ווייל קיין פילאָווער איד איז טאַקע ניט געווען צווישען די מתפללים. דער רבי האָט אָבער באַלד ווייטער געפרעגט:

„אפשר איז דאָ פאַראַן אַ איד, וואָס קען גוט די שטאָט פילאָווע?"

האָט זיך אַרויסגערופען אַ איד און געזאָגט:

„רבי, איך וואוין אין דאָרף זאַנוויץ, צווישען פילאָווע און נביווישאָוו. איך קען פילאָווע זעהר גוט, ווייל איך פאָהר דאָרט טאָג טעגליך פאַרקויפען די מילך פון פאַכט".

„קענסטו דאָרט דעם כראַביע שאַטרינסקי מיט זיין הונט?" האָט איהם דער רבי ווייטער געפרעגט.

„געוויס קען איך, רבי. איך וויים דעם כראַביע און קען דעם הונט. אַ משונה'דיגער הונט! ער איז גרויס ווי אַ קוה, אָבער בילט קיינמאָל ניט און בייסט ניט קיינעם".

„ווייסטו אפשר אויך, פון וואַנען קומט דער הונט צום כראַביע?" האָט דער מגיד ווייטער געפרעגט.

„איך ווייס דאָס אויך", האָט דער איד געזאָגט. „די מעשה ווייס גאַנץ פילאָווע. דער כראַביע איז אַמאָל אַוועקגעפאָהרען זעהר ווייט צו נאָך כראַביעס שפילען צוזאַמען אין קאָרטען, און האָט דאָרט געוואונען געלט, און האָט געקויפט דעם הונט פאַר אַכטצעהן הונדערט רענדלאַך. דערנאָך האָט ער געלאָזט מאַ־כען פאַר דעם הונט אַ ביידעל, האָט עס איהם געקאָסט צוויי הונדערט רענדלאַך".

„טו פאַרוואָס האָט איהם דער כראַביע אַרויסגעטריבען?" האָט דער מגיד געפרעגט.

„דער כראַביע איז איינמאָל געוואָרען אויף איהם אין כעס. ער פלעגט איהם געבען צעהן פונט פלייש אַ טאָג צום עסען. איינמאָל האָט דער כראַביע אַליין איהם צוגעטראָגען דאָס פלייש, האָט דער הונט ביי איהם אַ כאַפּ געטאָן פון האַנט איי־דער ער האָט עס פאַר איהם אַוועקגעלייגט. דערפאַר איז דאָס דער כראַביע געוואָרען בייז. ער האָט צובראָכען די ביידעל, און דעם הונט מיט קלעפּ אַרויסגעיאָגט פון הויף, און ער דרעהט זיך ארום איבער די פילאָווער גאַסען".

אַז דער איד האָט געענדיגט דערצעהלען, האָט זיך דער מגיד צוריק אויסגעבויגען צום עמוד, אויפהויבענדיג די אויגען אין דער הויך, געזאָגט מיט גרויס התלהבות: „דו הערסט, מלאך מיכאל!" און גלייך אָנגעהויבען זאָגען כל נדרי.

מוצאי יום כפור האָבען די נאָהענטע מקורבים געפרעגט דעם מגיד, וואָס איז דאָס נעכטען געשעהן ביי כל נדרי. האָט זיי דער מגיד דערצעהלט די גאַנצע מעשה:

„צו כל נדרי איז אין הימעל געווען אַ שטאַרקער קטרוג אויף די אידען. די סיבה פון דעם קטרוג איז געווען. וואָס אין דער שטאָט מעכאָוו לעבען קראָקא האָבען די אידען געוויזען

אז זיי זיינען ערגער און גרעסערע אכזרים פון די גוים ר"ל. די
מעשה איז געווען אזוי:

„דאָרט אין מעכאָוו האָט געוואוינט אַ איד, אַ גרויסער
אָרימאַן. דער איד האָט געהאַט אַ טאָכטער, און ניט
געהאַט מיט וואָס איהר חתונה צו מאַכען. איז דעם אָרימאַנ׳ס
ווייב אָנגעשטאַנגען אויף איהם, ער זאָל אָנהויבען אַ ומפאָהרען
בעטלען פון איין שטאָט אין דער צווייטער און זעהן מאַכען
געלט. דער אָרימאַן איז אָבער בטבע געווען אַ בישן, און ניט
געטויגט צו דער מלאכה פון בעטלען. ער איז אַרומגעגאַנגען
אַ סך שטעט, אָבער ער האָט זעהר ווינציג אויפגעקליבען. לסוף
איז ער אָנגעקומען אין פילאַווע. דאָרט האָט ער שטיל געבעטען
נדבות ביי עטליכע גבירים פון דער שטאָט, אָבער זיי האָבען
איהם אַלע אָפגעזאָגט און געהייסען געהן. דער אָרימאַן איז
אַרוים פון שטאָט און זעהר יאָמערליך געוויינט, הן פון דעם
וואָס ער דאַרף זיך אַזוי פיעל בזוי מאַכען, והן פון דעם וואָס
ער האָט נאָך אַלץ קיין נדן ניט פאַר זיין [illegible]. אַזוי ווי ער
געהט און וויינט, ערשט אַ קאָטש געשפאַנט צו פיער פערד
פאָהרט אָן אַנטקעגען, און פיעל קלענערע קאַרעטעס פאָהרען
נאָך פון הינטען. פלוצלינג האָט זיך די גרויסע קאַרעטע אָפ-
געשטעלט, און דער שר וואָס איז געזעסען אינעווייניג האָט
געהייסען אַ משרת צורופען דעם אידען. דער איד איז צוגעגאַנ-
גען, און דער שר האָט איהם געפרעגט, אַזוי ווי ער האָט איהם
געהערט וויינען, זאָל ער זאָגען וואָס איז די סיבה פון דעם.
דער אָרימאַן האָט איהם דערצעהלט דעם גאַנצען אמת, אַז
זיין טאָכטער די בוגרת פאַרביטערט איהם דאָס לעבען. האָט
איהם דער שר געפרעגט, וויפיעל געלט דאַרף ער דאָס אויף
חתונה צו מאַכען דער טאָכטער? האָט ער איהם געענטפערט,
אַז מיט הונדערט רענדלאַך וואָלט ער מיט איהר געטאָן אַ פיי-
נעם שדוך. האָט דער שר גלייך אָנגעשריבען אַ קוויטעל אויף

הונדערט רענדלאַך און געהייסען דעם אידען געהן צוריק נאָך פּילאַווע צו זיין קאַסירער, וועט ער איהם אויסצאָהלען די געלט. דער שר איז אַוועקגעפאָהרען, און דער אָרימאַן איז געבליבען שטעהן און ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן. ער האָט זיך געטראַכט, אַז דער שר האָט געוויס געמאַכט פון איהם חוזק. דער אָרימאַן האָט זיך אין פּילאַווע ניט אומגעקערט, נאָר איז געגאַנגען ווייטער זיין וועג. ער איז אַזוי ווייטער אומגעוואַנדערט בעטלען פון איין שטעטעל אין דער אַנדערער, ביז ער איז אָנגעקומען אין דובענקע, לעבען האָרובשאָוו, און דאָרט זיך אָפּגערוהט. דערווייל איז שוין געוואָרען נאָהענט צו ימים נוראים און דער איד האָט באַשלאָסען פאָהרען צוריק אַהיים אויף יום טוב. צוריקוועגס איז ער ווידער אַריינגעפאָהרען אין פּילאַווע און דאָרט איינגעשטאַנען אין אַן אכסניה. ער האָט זיך דערמאָנט וועגען קוויטעל פון שר און איהם געוויזען דעם בעל-אכסניה. דער בעל-אכסניה האָט איבערגעלייענט דעם קוויטעל און איז שטאַרק נתפעל געוואָרען. ער האָט גלייך געזאָגט צום אידען: „דער קוויטעל איז אונטערגעשריבען פון אונזער כראַביע, פאַרוואָס געהסטו ניט אַריין צום קאַסיר אין הויף, ער זאָל דיר אויסצאָהלען די הונדערט רענדלאַך?“ דער בעל-אכסניה איז אַליין געגאַנגען צוזאַמען מיט דעם אָרימאַן. דער קאַסיר האָט זיי גלייך אויסגעצאָהלט און זיי האָבען געבראַכט די גאַנצע געלט אין אכסניה. מיט גרויס שמחה איז דער איד געפאָהרען אַהיים און באַלד געקראָגען אַ פיינעם התן פאַר זיין טאָכטער.

„דער מקטרג האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער מעשה. ער האָט גע'טענה'ט פאַר'ן בית דין של מעלה, אַז דער איד האָט אַזוי פיעל שטעטלאך אַרומגעוואַנדערט און געבעטען ביי אַזוי פיעל אידען, האָט ער גאָר ניט געמאַכט, און איין גוי איז געקומען און איהם געבראַכט צום ציעל.

„דעריבער", האָט זיי דער מגיד פאַרענדיגט די מעשה, „האָב איך ניט געקענט זאָגען כל נדרי. איך האָב אַלץ געזוכט מיט וואָס אָפּצושלאָגען און מאַכען צונישט דעם מקטרג'ס טענות. איך האָב זיך דערמאָנט די מעשה מיט'ן הונט און גע־בעטען דעם אידען ער זאָל דאָס דערצעהלען, כדי מיט דעם מבטל צו מאַכען דעם קטרוג, ווייל ניט צוליעב רחמנות האָט דאָס דער כראַביע געגעבען דעם אידען הונדערט רענדלאַך, נאָר ווייל די געלט האָט ביי איהם קיין באַטרעף ניט, און פון זיין הנאה וועגען. אָט האָט געקענט דער זעלבער כראַביע אויס־געבען אויף אַ הונט אַכטצעהן הונדערט רענדלאַך און פאַר דער קלענסטער קליינינקייט איהם אַרויסטרייבען. פון אַזאַ מענשען ברייננט מען קיין ראיה ניט. די פמליה של מעלה האָט צוגע־הערט צו מיינע טענות און בטל געמאַכט דעם קטרוג. דאַמאָלט האָבען איך אָנגעהויבען גלייך צו זאָגען כל נדרי".

לג.

## ווי דער קאָזעניצער מגיד ראַטעוועט אַן עגונה

אין די צייטען פון קאָזעניצער מגיד איז אין אַ שטעטעל ניט ווייט פון קאָזעניץ געווען אַן עגונה.

אַ פרוי, וועלכע איז געוואקסען פון אַ מיוחס'דיגע משפחה, האָט חתונה געהאַט מיט אַ יונגענמאַן, וועלכער האָט אויסגע־קוקט צו זיין זעהר אָרענטליך. אַז ער האָט אָבער אָפּגעוואוינט ביי אַ יאָהר מיט זיין יונגער ווייבעל, האָט ער פאַרכאַפּט דעם גאַנצען פאַרמעגען און איז אַנטלאָפען.

די פרוי מיט איהרע ברידער האָבען זיך באַלד אַרויסגע־לאָזען זוכען דעם מאַן. זיי זיינען אָבער אויסגעפאָהרען אַ האַל־

בע וועלט און איהם ניט געקענט געפינען און האָבען זיך אומגעקעהרט אַהיים.

די עגונה פלעגט זעהר קלאָגען אויף איהר מזל. איהר געוויין האָט געריהרט אַלעמענס הערצער. אָבער קיינער האָט איהר ניט געקענט העלפען.

אַז די עגונה האָט דערהערט פון קאָזעניצער מגיד און זיינע מופתים, האָט זי געהאַט גרויס רצון צו איהם צו פאָהרען און אויסגיסען פאַר איהם איהר ביטער האַרץ. זי האָט געבעטען די ברידער, זיי זאָלען איהר מיטנעמען קיין קאָזעניץ צום מגיד. די ברידער האָבען ניט געקענט זעהן איהר צער און זייען מיט איהר געפאָהרען.

ווען זיי זיינען געקומען צום מגיד און דערצעהלט איהם פון דער פרוי'ס ביטערער האַרץ, האָט דער מגיד געזאָגט:

„ובכן, וואָס זשע ווילסטו, אשה? איך קען דאָך דיר דעם מאַן צוריק ניט געבען!"

„איך וויל ניט דעם מאַן. איך וויל נאָר אַ גט". האָט די פרוי געקלאָגט.

דער מגיד האָט אַ מינוט געשוויגען, עפּעס אַ טראַכט געטאָן און אויסגעשריען צום שמש, ער זאָל איהם אַריינברינגען אַ גרויסע שיסעל פול מיט וואַסער. דער שמש האָט גלייך אַלעס געבראַכט. דער מגיד האָט צוגערופען דער אשה און צו איהר געזאָגט:

„קוק אַריין, אשה, אין די וואַסער!"

די פרוי האָט זיך גוט איינגעקוקט אין שיסעל וואַסער. דער מגיד האָט איהר געפרעגט:

„וואָס זעהסטו?"

„איך זעה אַ וואַלד לויפען", האָט די אשה געזאָגט.

דער מגיד האָט איהר געהייסען קוקען ווייטער. און די אשה האָט איהם געזאָגט. אַז זי זעהט אַ גרויסע שטאָט, מיט

זעהר פיעל גאַסען און זי זעהט אויך דעם מאַרק פּלאַץ מיט שעה־נע הייזער.

„קוק זיך גוט איין אין די פענסטער פון די הייזער", האָט איהר דער מגיד געהייסען.

די אשה האָט לאַנג געקוקט, פּלוצלינג האָט זי דערלאַנגט אַן אויסגעשריי:

„רבי, אָט איז ער, איך זעה איהם!"

„דערצעהל מיר, וואָס טוט ער דאָרט?"

„ער איז אַ שניידער, רבי. ארום איהם זיצען פיעל געזעלען און נעהען. ער שטעהט ביים טיש און פּרעסט אַן אַרבעל".

האָט דער מגיד צו איהר געזאָגט:

„קלער ניט, שנעל שטעק אַריין די האַנט און כאַפּ ביי איהם אַרויס דעם אַרבעל".

די פרוי האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין וואַסער און אַרויסגעצויגען פון דאָרט אַ וואַרימען אַרבעל פון אייזען.

און דער רבי האָט איהר אָנגעזאָגט:

„דעם אַרבעל זאָלסטו היטען. איצט קענסטו שוין פאָהרען, נאָך היינט וועסטו האָבען אַ גט".

די פרוי מיט די ברידער האָבען אָנגעהויבען פרעגען דעם מגיד, וואָס האָבען זיי יעצט צו טאָן, און וואו זאָלען זיי פאָה־רען. ער האָט זיי אָבער גאָר ניט געוואָלט זאָגען און נאָר גע־ענטפערט די פאָר ווערטער: „איהר וועט שוין זעהן".

זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען הינטער דער שטאָט זוכען אַ פוהר, האָבען זיי געזעהן אַ גוי פאָהרט מיט אַ פוהר, געשפאַנט מיט צוויי פערד. זיי האָבען געפרעגט דעם גוי, צי וועט ער זיי מיטנעמען און ער האָט איינגעשטימט. זיי האָבען זיך אַריינ־געזעצט אין פוהר. דער גוי האָט זיי אפילו ניט געפרעגט, וואו צו פאָהרען, נאָר האָט גלייך אַ שמיץ געטאָן די פערד. ביי אַ האַלבע שעה זיינען זיי אַזוי געפאָהרען, און האָבען דעם גוי

ניט געפרעגט קיין וואָרט. זיי האָבן געגלויבט אין די רייד פון רבי'ן און געוואַרט וואָס דאָ וועט זיין. זיי זיינען געפאָהרען נאָך אַ ווייל און זיינען צוגעקומען צו אַ וואַלד. דאָ האָבן זיי זיך שוין גענומען שרעקן צו פאָהרען מיט אַ גוי אין אַ וואַלד, און געוואָלט איהם פרעגען וואוהין ער פיהרט זיי, איז אָבער אָנגעפאַלן אויף זיי אַ שטאַרקער שלאָף און זיי זיינען איינגעשלאָפען.

אַז זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט, האָבן זיי דערזעהן, אַז זיי ליגען אין אַ וואַלד און אַרום זיי איז קיינער ניטאָ. זיי האָבן באַלד ברירה זיך אויפגעהויבן און גענומען געהן צופוס. זיי זיינען אָפּגעגאַנגען עטליכע טריט. ערשט די עגונה שרייט אויס:

„איך דערקען דעם וואַלד. דאָס איז דער זעלבער וואַלד וואָס איך האָב געזעהן ביים רבי'ן אין שיסעל".

באַלד האָבן זיי דערזעהן די שטאָט. זיי זיינען דורכגעגאַנגען אַ סך גאַסען און האָבן גענומען זוכען דעם מאַרק. די עגונה האָט גלייך דערקענט די הויז. זיי האָבן אַריינגעקוקט אין פענסטער און דערזעהן דעם מאַן.

זיי זיינען גלייך אַוועק צום רב און איהם דערצעהלט די גאַנצע מעשה און איהם אויך געוויזען דעם אַרבעל.

דער רב האָט געהייסען דער אשה נעמען דעם אַרבעל און אַריינגעהן דערמיט, צוזאַמען מיט די ברידער, אין אַ חדר מיוחד און דאָרטען זיין, ביז ער וועט זיי אַריינרופען. ער האָט אויך געשיקט דעם שמש, ער זאָל געהן גלייך ברייננגען אַהער דעם שניידער.

דער שניידער איז אַריין און געמאַכט אַ תמ'וואַטען פנים, געפרעגט, וואָס דאַרף איהם דער רבי. האָט איהם דער רב געפרעגט:

„זאָג מיר, וואָס האָסטו זיך דאָס אונטערגענומען, שגץ, חתונה צו האָבען דאָ, ווען דו האָסט איבערגעלאָזט ערגעץ אַ ווייב ?"

דער שניידער האָט אָנגעהויבען שווערען אַלע שבועות, אַז עס איז אַ ליגען. דאָס האָבען שונאים אויף איהם אויסגע-טראַכט, ווייל זיי פאַרגינען איהם ניט זיין פרנסה.

האָט איהם דער רב אָפּגעהאַקט אין מיטען רעדען און גע-פרעגט :

„זאָג מיר, וואָס האָט דאָס היינט געטראָפען ביי דיר ביים פרעסען ?"

„אָ, זעהר אַ וואונדערליכע זאך, רבי". איך בין געשטאַנען און געפרעסט, פלוצלינג האָט פון זיך אַליין אַן אַרבעל זיך אָפּ-געריסען, זיך אַרויסגעריסען פון מיין האַנט און איז אַוועקגע-פלויגען אין דער הויך".

זאָגט דער רב :

„אָט וועל איך דיר אָפּגעבען דעם אַרבעל".

ביי די זוערטער האָט ער אַן עפען געטאָן דעם אַנדער חדר און אַריינגערופען דער פרוי מיט די ברידער. דער רב האָט אַ נעם געטאָן ביי דער פרוי דעם אַרבעל און אויסגעשריען :

„נאַ, דערקען, איז עס דער זעלבער? אָט איז דער אַרבעל, און אָט איז דיין ווייב, וואָס דו האָסט אומגליקליך געמאַכט און געלאָזען אַן עגונה מיט צוועלף יאָהר צוריק".

דער שניידער איז געפאַלען אין חלשות. אַז מען האָט איהם אָפּגעמינטערט, איז שוין געזעסען דער סופר גרייט צו שרייבען דעם גט.

נאָכ'ן גט, האָבען די פרוי מיט די ברידער גענומען דאַנקען דעם רב, אָבער דער רב האָט זיי ניט געלאָזט רידען און צו זיי געזאָגט :

„ניט מיר קומט דער דאַנק, דאַנקט און לויבט השם יתברך, וואָס האָט געבענטשט אונזער דור מיט אַזעלכע צדיקים, ווי אייער קאָזעניצער מגיד".

## לד.

# דער כח פון ענוה

(אַ וואונדערליכע מעשה מיט די צוויי ברידער, ר' זושע און ר' אלימלך זי"ע)

די צוויי הייליגע ברידער, דער רבי ר' אלימלך און דער רבי ר' זושע, האָבען שוין געהאַט דערגרייכט אַלץ צוצוקומען צו זייערע מדרגות. דורך תורה ועבודה, ווי אויך דורך ענויים וסגופים זיינען זיי בייגעקומען אַלע מכשולים, גובר געווען דעם סטרא אחרא ר"ל, און זיינען צוגעקומען צו דער גרעסטער מדרגה פון בטול היש.

איינמאָל זאָגט ר' זושא צו ר' אלימלך:

„טייערער ברודער! מיר האָבען אַלצדינג געטאָן ביז אַהער, כדי מתקן צו זיין דעם קנעכט, פאַרריכטען אונזער חומר און אונזערע נשמות. מיר האָבען אָבער פאַרגעסען אינגאַנצען דעם האַר, מיר האָבען דאָך גאַר ניט געטאָן פאַר דעם כבוד פון כביכול".

און די ברידער האָבען באַשלאָסען אָפּצוריכטען גלות אַרומוואַנדערן איבער דער וועלט און מקרב זיין נפשות צו גאָט ברוך הוא.

זיי זיינען אַרויס צוזאַמען, און פלעגען זיך אַזוי נוהג זיין: אַ גאַנצען טאָג פלעגען זיי אַרומגעהן איבער פעלדער און וועלדער, מיחד זיין יחודים און מכוון זיין כונות. פאַרנאַכט צו פלעגען זיי זיך לאָזען אין שטאָט אַריין. ביים אַריינגאַנג אין שטאָט

פלעגען זיי זיך צוטיילען. דער רבי ר' זושע פלעגט געהן אין איין בית מדרש אריין, און דער רבי ר' אלימלך אין אַ צווייטען. ר' זושע פלעגט זיך אַריינ'גנב'נען שטיל אין בית מדרש, זיך אַוועקשטעלען ביים טיר, הינטערן אויווען, און דאַוונען מיט אַ צובראָכען האַרץ. ער פלעגט דורכווייקען דעם בית מדרש מיט זיינע טרערען און אויפ'ן קול פלעגט ער זיך מתודה זיין פאַר די זינד פון די אַלע מתפללים אין שוהל. ער פלעגט אָנהויבען אַזוי צו וויינען:

„זושע, זושע, רשע, רשע, וועה איז דיר און ווינד איז דיר! ווי שעהמסטו זיך ניט? ווי האָסטו אַזעלכע פאַרשטאָכענע אויגען? ווי האָסטו די העזה אַריינצוקומען אין אַ מקום קדוש און שטעלען זיך דאַוונען פאַר דיין באַשעפער, ווען דו האָסט איהם היינט אַזוי דערצערענט? דאַ האָסטו געטאָן אַזאַ עבירה (ר' זושע פלעגט אויסרעכענען אַן עבירה). דאָרט האָסטו עובר געווען די האַרבע זינד, שפעטער האָסטו מחלל השם געווען מיט דער און דער זאַך! וועה איז דיר, זינדיגער זושע! זושע רשע! וואָס האָסטו מעהר צו ברייננגען פאַר גאָט ברוך הוא ווי דיין האַרץ? צוברעך דיין האַרץ פאַר איהם, זאָל ער זעהר דיין פיין, דיין שאַנדע, און ער וועט דיר געבען כח תשובה צו טאָן".

אַ יללה פלעגט אַרומכאַפּען די גאַנצע שוהל. יעדער איינער האָט געהערט ווי מען רעכענט איהם אוים אַלע זיינע עבירות. אַלע האָבען זיך אַרומגעזעהן, אַז קיין זאַך איז נישט פאַרבאָרגען און אַלע סודות זיינען ענטפּלעקט, און מען האָט זיך געכאַפּט טאָן תשובה, חרטה האָבען בלב תמים אויף די זינד און זיך אָפּהיטען אויף ווייטער.

אין דער זעלבער צייט פלעגט ר' אלימלך אין דעם אַנדער בית מדרש בעטען דעם גבאי רשות צו ריידען פון דער בימה. דער ליכטיגער פנים פון רבי'ן פלעגט שטענדיג מאַכען דעם גבאי ווילליג, אַז ער זאָל געבען זיין הסכמה. ר' אלימלך פלעגט

אַרויפגעהן אויפ׳ן בימה און פלעגט ריידען אַזוינע דברי תוכחה, אַז אַלע מענשען פלעגען אויסברעכען אין געוויינען, זיך מתודה זיין אויף זייערע זינד און טאָן תשובה.

נאָך מעריב פלעגען די ביידע ברידער נעלם ווערען און שטילערהייט זיך אַרויסדרעהען פון שטאָט. הינטער דער שטאָט פלעגען זיך די ברידער ווייטער צוזאַמענטרעפען און נעמען זיך צו דער עבודה, איבערנעכטיגען אין פעלד און געהן אויף מאָר־גען אין אַן אַנדער שטאָט.

די השפעה פון די ביידע ברידער האָט זיך גענומען פיה־לען. אוואו זיי זיינען דורכגעגאַנגען, זיינען די מענשען פרימער געוואָרען און שוין אַזוי פאַרבליבען אויף זייער גאַנצען לעבען.

דער סטרא אחרא ר"ל האָט גענומען פיהלען, אַז זיין ממשלה ווערט שוואַכער. עפּעס ווערען די מענשען ריינער און פרימער. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט גלייך געזעהן די מעשים פון די צוויי ברידער.

ער האָט באַשלאָסען זיך אָן זיי נוקם צו זיין. פריהער האָט ער געפּרובירט זיי אַליין אַראָפּפיהרען פון וועג. ער האָט אויף זיי אָנגעשיקט אַלע קליפּות, ער האָט אויסגעפּרובירט אַלע זיי־נע תחבולות, זיי צו שטרויכלען און פאַנגען אין זיין נעץ. אָבער ער האָט גאָר ניט געקענט אויספיהרען. ער האָט געפּרואווט מבלבל זיין אין זייערע כוונות און יחודים, אָבער דאָס האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען.

אַז ער האָט געזעהן דאָס מיט זיי אַליין וועט ער גאָר ניט מאַכען, האָט ער גענומען זוכען תחבולות, ווי צו פּטור ווערען פון זיי.

איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט, ווען ביידע ברידער האָבען זיך געאיילט אין אַ שטאָט אַריין, כדי זי צו מתקן זיין אויף זייער שטייגער, האָט זיך פּלוצלינג שטאַרק פאַרוואָלקענט, פינס־טערע כמאַרעס האָבען זיך באַוויזען אויף דעם הימעל און עס

איז געוואָרען שטאָק-פינסטער. די ברידער האָבען ניט געזעהן איינער דעם אַנדערען. זיי האָבען זיך אָנגענומען ביי די הענט און זיינען ווייטער געגאַנגען. באַלד אָבער האָט זיך אַרויסגע־ריסען אַ שרעקליכער שטורם-ווינד מיט אַזאַ ווילדע קראַפט, דאָס די ביידע ברידער האָבען זיך פאַרנאַנדערגעריסען און זיי־נען פאַרטראָגען געוואָרען ווייט איינער פון דעם אַנדערן.

ר׳ זושע איז געבליבען שטעהן איינער אַליין אין דער פינ־סטערניש און געשריען „אלימלך, אלימלך", אָבער ער האָט ניט באַקומען קיין ענטפער. האָט ר׳ זושע געטראַכט, אַז מסתמא האָט מען זיי מן השמים פאַרנאַנדערגעשיידט. ער האָט אויף זיך מצדיק געווען דעם דין, און גענומען איינער אַליין ווייטער געהן.

פלוצלינג האָט זיך פון ווייטען באַוויזען אַ ליכט. ר׳ זושע איז נאָכגעגאַנגען נאָך דעם שיין פון דער ליכט, ביז זיינע אויע־רען האָבען דערהערט אַ נגון פון תורה. ר׳ זושע האָט זיך דער־פרעהט און נאָכגעגאַנגען נאָך דעם קול. באַלד האָט ער דער־זעהן אַ בית מדרש מיט אַן אָפענע טיר. ער איז אַריין אינע־וויניג, און עס האָט איהם פאַרלויכטען פאַר די אויגען. דער בית מדרש איז געווען באַלויכטען מיט גרויסע בליץ-לאָמפען, איבער גרויסע טישען זיינען געזעסען זקנים מיט הדרת פנים און געלערנט. זייער נגינה האָט דערוואַרימט און ווייך געמאַכט דאָס האַרץ. אויבען-אָן איז געזעסען דער ראש-ישיבה, אַ גרייז־גראָהער זקן, ער איז געווען איינגעהילט אין אַ טלית און אַ גרויסע ליכטיגקייט האָט אַרויסגעשטראַהלט פון זיין פנים. ער איז געזעסען און געזאָגט סודות-התורה.

ר׳ זושע האָט זיך צוגערוקט נעהנטער צום ראש הישיבה הערען די תורה. פלוצלינג האָט דער ראש-ישיבה אויסגערו־פען:

„מאַכט אַ וואַרע! דער רבי ר׳ זושע איז דאָ מיט אונז!"

און צו ר' זושע האָט דער ראש־ישיבה געזאָגט:

„גוט און וואויל איז דיר, זושע, וואָס דו האָסט זוכה גע־וועון דערצו! גוט און וואויל איז אונז, וואָס מיר האָבען זוכה געווען צו האָבען דיר פאַר אַן אורח. קום, וועל איך דיר ענט־פּלעקען אַ סוד וואָס איז נאָך ניט ענטפּלעקט געוואָרען צו קיין ילוד אשה, זינט מתן־תורה".

דער רבי ר' זושע איז געשטאַנען אַ פאַרשטיינערטער און געשוויגען. אָבער דער ראש־ישיבה האָט ווייטער געזאָגט:

„קום, וועל איך דיר ענטפּלעקען די כוונות און יחודים, וואָס משה רבינו האָט מכוין געווען ביי קבלת־התורה. נעם נאָר אָן די ספר־תורה אין האַנד און גיב זי אַ קוש מיט דיינע ריינע מחשבות".

ר' זושע האָט אָבער די ספר־תורה אין האַנד ניט גענומען. ער איז געשטאַנען פאַרטראַכט און געשטאַמעלט:

„ווער בין איך און וואָס בין איך, אַז איך זאָל זוכה זיין דערצו? ווי קען דאָס זיין, אַז אַ סוד וואָס איז נישט ענטפּלעקט געוואָרען צו קיין ילוד־אשה, וועט מען מגלה זיין נאָר פאַר זושע'ן?"

דער ראש־ישיבה איז געוואָרען בייזליך און שטרענג גע־זאָגט:

„וואָס אַרט דאָס דיר? אַז מען הייסט דיר נעמען, מאַך קיין שהיות ניט! „אין מסרבין לגדול".

האָט ר' זושע דערקענט דעם קול און ווילד אויסגעשריען:

„הולך רכיל מגלה סוד! אַרויס דו טמא!"

האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער קלאַפּ, און אַלעם איז פאַרשוואונדען.

ר' זושע האָט זיך אַרומגעקוקט, אָבער ער האָט קיין זאַך נים געזעהן. פלוצלינג איז צוריק ליכטיג געוואָרען. ער האָט דערזעהן ווי לעבען איהם ליגט אַ צובראָכענער צלם, אַ גאָל־

דענער שתי וערב. ער האָט זיך נאָך גוט ניט אַריינגעקוקט, ווי דער רבי ר' אלימלך איז שוין געשטאַנען לעבען איהם און געזאָגט:

„זושע, טייערער ברודער, דער זכות פון דיינע עניוות איז אונז ביידען בייגעשטאַנען".

---:---

לה.

## דער רבי ר' אלימלך זוכט וועמען צו בענשען

אַמאָל, אור ליום ו', אין אַ משמר נאַכט, איז געזעסען ר' אלימלך און געלערנט מיט די תלמידים תורה. זיי זיינען אַלע געווען פאַרטיעפט אין לערנען תורה און קיין זאַך אַרום האָבען זיי ניט געהערט. פּלוצלינג האָט ר' אלימלך מפסיק געווען דעם לערנען און אָנגעשטעלט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך בעסער וועלען צוהערען. די תלמידים זיינען אויך אַ ווײַלע אַנטשוויגען געוואָרען, און געוואַרט ר' אלימלך זאָל ווידער מיט זיי אָנהויבען לערנען. ר' אלימלך האָט זיך אַזוי צוגעהערט אַ קורצע ווײַלע, דערנאָך אויסגעדרעהט דעם פּנים צו די תלמידים און זיי געפרעגט צי זיי האָבען עפּעס געהערט. די תלמידים האָבען געזאָגט, אַז ניט. דאַמאָלט האָט זיי ר' אלימלך געזאָגט:

„איך האָב געהערט אַ בת-קול אויסרופען: „ווער וועט געהן מציל זיין ר' שמעלקען פון זיינע צרות אין ניקעלסבורג?" אַזוי ווי איהר האָט ניט געהערט דעם בת-קול, מסתמא וויל מען אַז איך זאָל אַליין געהן".

ער האָט זיך גלייך געזעגענט מיט די תלמידים און געזאָגט, אַז ער גייט נאָך אויף שבת קיין ניקעלסבורג. די תלמידים האָבען איהם געפּרואווט אָפּריידען, ער זאָל וואַרטען איבער שבת, ווייל ער וועט אַזאַ מרחק ממילא ניט קענען דורכמאַכען

ביז פאַרנאַכט און וועט מוזען האַלטען שבת אין וועג. אָבער ר' אלימלך האָט זיי געענטפערט:

„ווען מען וואָלט וועלען איך זאָל פאָהרען נאָך שבת, וואָלט דער בת־קול ניט געקומען היינט ביינאַכט און אונז שטערן אין לערנען".

ר' אלימלך איז אַרויס צופוס הינטער'ן שטאָט. ער איז אָפּ־געגאַנגען אַ קורצע ווײלע, ערשט ער הערט, עס קלאַפּען רע־דער. באַלד האָט איהם אָנגעיאָגט אַ קאַרעטע, אין וועלכער עס איז געזעסען אַ פּריץ. דער פּריץ האָט זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט וואוהין געהט דאָס דער רבי. ר' אלימלך האָט איהם געזאָגט, אַז קיין ניקעלסבורג. האָט איהם דער פּריץ געבעטען, אויב דער רבי וויל פאָהרען מיט איהם צוזאַמען. ר' אלימלך האָט איהם געפאָלגט און איז אַריינגעקראָכען אין קאַרעטע. זיי זיינען אָפּגעפאָהרען בערך פיער שעה. ר' אלימלך האָט די גאַנ־צע צייט ניט אויסגערעדט צום פּריץ קיין וואָרט און דער פּריץ האָט אויך קיין זאַך ניט געפרעגט ר' אלימלכ'ן. באַלד האָט זיך דער פּריץ אָפּגעשטעלט און ר' אלימלך איז אַרויס פון קאַרעטע. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזעהן פון וויטען אַ שטאָט. ער איז אַוועק אַהין צופוס און זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז טאַקע געווען ניקעלסבורג. ער איז אַוועק צו ר' שמעלקע'ן און איהם געפונען זיצענדיג און וויינען.

ר' שמעלקע האָט איהם דערצעהלט די צרות וואָס די שטאָט טוט איהם אָן. מען פאָלגט ניט וואָס ער זאָגט, און זיי טענה'ן אויף איהם אַז ער איז אַ מחמיר און לאָזט זיי ניט לעבען אויף דער וועלט.

ר' אלימלך האָט איהם באַרוהיגט, און איז גלייך אַוועק צום ראש־הקהל און דערצעהלט, אַז ער איז אַ בעל־דרשן און געבעטען רשות האַלטען אַ דרשה. דער ראש־הקהל האָט איהם גלייך דעם רשות געגעבען.

אויף מאָרגען, שבת בייטאָג, האָט ר׳ אלימלך געהאַלטען די ערשטע דרשה. ער האָט דער שטאָט געגעבען גערעכט אין זייער טענות געגען ר׳ שמעלקען. ער האָט פאַר זיי געמאַכט אויף אַלץ היתרים, און זיי געזאָגט, אַז זייער רב איז אַ מחמיר און לאָזט זיי ניט טאָן קיין זאַך, וואָס מען מעג על פי דין.

די שטאָט האָט געטאַנצט פון שמחה. דער כעס צו ר׳ שמעלקען האָט זיך געשטאַרקט, און זיי האָבען אָנגעהויבען צו מאַכען מוצאי שבת קודש אַן אסיפה, און מאַכען דעם בעל דרשן פאַר א רב אויף ר׳ שמעלקע׳ס אָרט.

ווען זיי האָבען דאָס פאָרגעלייגט פאַר ר׳ אלימלכ׳ן, האָט ער זיי געזאָגט, זיי זאָלען זיך ניט איילען, ווייל ער דאַרף זיי נאָך מאָרגען זאָגען נאָך אַ דרשה, און ער וויל זיי זאָלען פריי-הער הערען די אַנדער דרשה, ווייל זי איז דער עיקר און ניט די ערשטע.

זונטאָג איז גאַנץ שטאָט געקומען הערען דעם וואונדער-באַרען דרשן.

ר׳ אלימלך האָט זיך געשטעלט ריידען. דער עולם האָט אָנגעגרייט די אויערען הערען נאָך עפּעס געגען ר׳ שמעלקען. אָבער ווי איבערראַשט זיינען זיי געוואָרען, ווען דער דרשן האָט גערעדט פונקט פאַרקעהרט ווי שבת. ער האָט אויפגעוויזען, אַז זייער רב איז גערעכט און מען קען מאַכען היתרים וואו נאָר מען וויל. מען מוז דאריבער נאָך מעהר מחמיר זיין. דער עולם איז געשטאַנען ווי פאַר׳כישופ׳ט פון זיינע רייד און ביים סוף, ווען ער האָט זיי מבאר געווען דעם גרויסען עונש וואָס זיי האָבען, ווען זיי זיינען גורם אזוי פיעל צער זייער רבי׳ן ר׳ שמעלקען, האָט דער עולם אויסגעבראָכען אין אַ ביטערען גע-וויין פון גרוים חרטה.

נאָך דער דרשה האָט מען אויסגערופען אַן אסיפה און מען האָט געבראַכט ר' שמעלקען און איהם איבערגעבעטען און איהם אָפּגעגעבען גרויס כבוד.

ר' אלימלך האָט זיך תיכף צוזעגענט מיט דער שטאָט און מיט ר' שמעלקען און אַוועק אַהיים.

אַז ער איז אַרויס הינטער דער שטאָט, האָט ער דערהערט ווידער אַ בת־קול, אַז דערפאַר וואָס ער, ר' אלימלך, האָט מקיים געווען זיין שליחות, איז אַלע ברכות, וואָס ער וועט בענשען דעם גאַנצען מעת לעת, וועלען תיכף מקוים ווערען.

ר' אלימלך האָט גלייך געוואָלט אימעצען גליקליך מאַכען און איהם געבען זיין ברכה, אָבער אויפ'ן וועג האָט ער קיינעם ניט באַגעגענט. ער האָט אָנגעהויבען געהן מיט זייטיגע וועגען, אפשר וועט ער אָנטרעפען אויף אַ ישוב'ניק אַ איד, אָבער ער איז אָפּגעגאַנגען שעה'ן לאַנג און קיינעם ניט געטראָפען. עס האָט שוין אָנגעהויבען ווערען נאַכט און ר' אלימלך האָט נאָך אַלץ קיין אידען ניט געזעהן. ער האָט זיך גענומען מצער זיין, וואָס ער קען ניט אויסנוצען זיין געשאַנק און בענשען מענשען. פלוצלינג האָט ער פון ווייטען דערזעהן געהן אַ אידענע מיט אַ פּאַק אויף די פּלייצעס. אַן אָרימע ישוב'ניצע האָט זיך אומגעקעהרט פון פעלד מיט אָנגעגראָבענע בולבעס. ר' אלימלך איז האַסטיג צו איהר צוגעגאַנגען און אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף איהר קאָפּ און איהר אָנגעהויבען צו בענשען. די אידענע איז זעהר צושראָקען געוואָרען, און אָנגעהויבען פון איהם צו אַנטלויפען. אָבער ר' אלימלך איז איהר נאָכגעלאָפען און געשריען: „דו מיט דיין משפחה זאָלט איהר אַלע ווערען רייך און איהר זאָלט געבענשט זיין מיט כל טוב".

די אידענע איז געקומען אַהיים און דערצעהלט איהר מאַן, אַז אַ משוגע'נער איד איז איהר נאָכגעלאָפען, אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף איהר קאָפּ און איהר געבענשט. אָבער נאָך

אין דער זעלבער נאַכט איז איהר מאַן געגאַנגען גראָבען עפּעס לעם הויז און דער רידעל האָט זיך אָנגעשלאָגען אָן עפּעס האַר־טעס. ער האָט געמיינט, אַז עס איז אַ שטיין. איז ער אַריין אין הויז, גענומען אַן אייזען און געפּרובירט איהם צוקלאַפּען. ערשט אַ שטיק גאָלד האָט אַ גלאַנץ געטאָן פאַר זיינע אויגען. ער האָט די שטיקער גאָלד אַריינגעלייגט אין אַ זאַק און געבראַכט אין הויז. די גאַנצע משפחה איז פון דעם געוואָרען רייך.

האָבען זיי שוין פאַרשטאַנען, אַז דער וואָס האָט נאָכגע־יאָגט דער אידענע אין פעלד איז ניט געווען קיין משוגע׳נער, נאָר אַ מלאך פון הימעל, וועלכער איז אַראָפּגעשיקט געוואָרען מיט דער שליחות זיי רייך צו מאַכען.

אין אַ צייט מיט יאָהרען, איז ר׳ אלימלך געפאָהרען קלייַ־בען געלד אויף פדיון שבוים. האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם געבענשטען ישוב׳ניק און איז פאַרפאָהרען צו איהם בעטען אַ נדבה. דער ישוב׳ניק האָט דעם רבי׳ן זעהר פיין אויפגענומען. שפּעטער איז אַריין די ישוב׳ניצע אין הויז און ווי זי האָט דער־זעהן ר׳ אלימלכ׳ס פּנים, האָט זי אויסגעשריען מיט שרעק: „דאָס איז דאָך דער מלאך, וואָס האָט מיר דאַמאָלסט נאָכגע־יאָגט און געבענשט. ער איז אוודאי געקומען אָפּנעמען די ברכות״.

זי האָט זיך ביטער פאַרנאַנדערגעוויינט און געזאָגט, אַז זי וועט טאָן די גרעסטע צדקות, ער זאָל איהר לאָזען ביי איהר רייכקייט, ווייל ווען זי איז שוין געוואוינט צו אַ רייכען לעבען, וועט זי צוריק ניט קענען זיין אָרים.

ר׳ אלימלך האָט איהר באַרוהיגט, אַז ער קלערט ביי איהר קיין זיך ניט אַוועקנעמען. ער וויל נאָר אַ שעהנע נדבה פאַר פדיון־שבוים.

די ישוב'ניקעס האָבען איהם געגעבען נאָר אַ גרויסע נדבה און איהם אָפּגעשיקט מיט זייער אייגענעם פערד און וואָגען.

---

ל.

## אַ מעשה מיט דעם נסתר ר' יונה זי"ע

ר' מרדכי, ר' ליב שרה'ס ברודער, האָט געוואוינט אין אַ דאָרף. דאָרט האָט איהם זיין ווייב געבוירען אַ זוהן, וועלכען ער האָט אַ נאָמען געגעבען יוסף. דאָס קינד האָט תיכף ווי עס האָט נאָר עטוואָס גענומען אונטערוואַקסען אָנגעהויבען אַרויס־ווייזען וואונדערליכע כשרונות. ר' מרדכי האָט צו איהם פון אָנפאַנג גענומען מלמדים אין דאָרף, אָבער דאָס קינד האָט באַלד ניט געהאַט וואָס צו לערנען ביי זיי און דער פאָטער האָט איהם געשיקט אין שטאָט. דאָרט האָט ער זיך געזעצט לערנען אין בית המדרש. זיבען יאָהר האָט יוסף געלערענט מיט גרויס התמדה און ווען ער איז אַלט געוואָרען זעכצעהן יאָהר איז ער שוין געווען בקי בש"ס ופוסקים און עס האָט זיך ניט געפונען קיין איין בחור אין בית המדרש, וואָס זאָל זיך קענען מיט איהם פאַרגלייכען.

איינמאָל, שבת ביי טאָג, ווען יוסף איז שוין אַלט געווען זיבעצעהן יאָהר, איז ער געזעסען און געלערנט צוזאַמען מיט נאָך אַ בחור. פּלוצלינג זאָגט יוסף צום בחור: „לאָמיר פאַר־מאַכען די ספרים און אַרויסגעהן אַביסעל אויפ'ן פרייען פעלד שפּאַצירען". דער בחור האָט איהם אָנגעקוקט שטאַרק פאַר־וואונדערט: יוסף זאָל וועלען שבת ביי טאָג אנשטאַט לערנען גאָר געהן שפּאַצירען. נאָר ער האָט איהם געפאָלגט, ווייל ער האָט געהאַט גרויס דרך ארץ פאַר איהם.

זיי זיינען אַרויס פון שטאָט און געקומען אויפ'ן פעלד. פלוצלינג האָט דער בחור באַמערקט, ווי הינטער זיי געהט אַ מיידעל און פאָלגט זיי נאָך אויף יעדען טראָט. ער האָט אָנגענומען יוסף'ס האַנט און זיך פאַרקירעוועט אָן אַ זייט אין פעלד. אָבער דאָס האָט זי אויך אַ דרעה געטאָן אָן אַ זייט און זיי ווייטער נאָכגעגאַנגען הינטער די טריט. ער האָט געוואָלט זאָגען וועגען דעם יוסף'ן, אָבער ער האָט נאָך ניט באַוויזען צ ואָנהויבען ריידען, ווי יוסף האָט פלוצלינג צו איהם געזאָגט: „דו בלייב דאָ שטעהן אַ ווײלע, איך געה דאָ אַביסעל ווייטער און איך וועל זיך באַלד אומקעהרען". דער בחור האָט זיך נאָך ניט אַרומגעקוקט, ווי יוסף האָט שוין געשפרייזט ווייט פון איהם אויפ'ן וועג צום וואַלד. הינטער יוסף'ן איז נאָכגעגאַנגען טראָט ביי טראָט. דער בחור האָט זיי נאָכגעקוקט, ביז זיי זיינען ביידע פאַרשוואונדען פון זיינע אויגען אין אַריינגאַנג פון וואַלד.

דער בחור איז געשטאַנען אַן איבערראַשטער און אַן אויפגעקאָכטער. ער האָט דעם שיין פון זיינע אויגען ניט געוואָלט גלויבען, דער טייערער יוסף זאָל אַוועקגעהן מיט אַ מיידעל אין וואַלד. מסתמא איז עפּעס אַ מעשה דערביי. ער האָט באַשלאָסען, אַז ער זאָל יוסף'ן גאָר ניט דערמאַנען וועגען דעם און זעהן וואָס וועט דאָ ווייטער זיין.

אין אַ פערטעל שעה אַרום איז יוסף צוריקגעקומען צו זיין חבר. דאָס מיידעל איז צוריקוועגס אויך נאָכגעגאַנגען יוסף'ן און ווען יוסף האָט זיך דערנעהנטערט צום חבר, איז זי אַליין אַוועק אויפ'ן וועג און איז פאַרשוואונדען.

זיי זיינען צוריק אַוועק אין בית המדרש און זיך ווייטער געזעצט לערנען.

דער בחור האָט זיך נישט געקענט פאַרגעסען פון דער מעשה. אַ גאַנצע נאַכט האָבען איהם זיינע מחשבות ניט גע-

לאָזען איינשלאָפען. ער האָט געוואָלט וויסען, וואָס פאַר אַ געשעפטען פיהרט דאָס יוסף ער האָט מחליט געווען, אַז אינדערפריה וועט ער דערפון יוסף'ן פרעגען. אָבער אַז ער האָט זונטאָג פריה געטראָפען יוסף'ן, האָט יוסף תיכף צו איהם געזאָגט: „קום לאָמיר ווידער געהן שפּאַצירען אויף דעם זעלבען אָרט וואָס נעכטען". זיי זיינען ווייטער געגאַנגען אויפ'ן פעלד און דער בחור האָט ווידער דערזעהן,

ווי זי געהט נאָך זיי. באַלד האָט זיך איבערגע'חזר'ט די זעלבע סצענע. יוסף האָט איהם געהייסען וואַרטען און איז פאַרשוואונדען מיט איהר אין וואַלד. און ווען זיי האָבען זיך אומגעקעהרט, איז דאָס מיידעל אַליין אַוועק איהר וועג.

דער בחור איז געשטאַנען אַן אויפגעציטערטער. ער האָט געפיהלט פאַר אַ גרויסע זינד אַזאַ זאַך צו פאַרשוויגען. ער האָט דערטראַכט, אַז ער וועט יוסף'ן פון דעם גאָר ניט דאַכטען און וועט גלייך אַלעס דערצעהלען ר' מרדכי'ן, יוסף'ס פאָטער.

אַז ר' מרדכי איז פון דעם בחור געוואויר געוואָרען די מעשה, האָט ער גלייך געשיקט רופען דעם זוהן, איהם אַריינגענומען אין אַ חדר מיוחד און צו איהם געזאָגט:

„מיין זוהן, איך בין דיר חס ושלום קיין זאַך ניט חושד, נאָר דו ביזט צוויי מאָל געגאַנגען מיט אַ מיידעל אַליין אין וואַלד, מוזטו מיר דערצעהלען דעם גאַנצען אמת".

האָט איהם יוסף געענטפערט:

„טייערער פאָטער, עס איז אַלעס אמת. שבת בין איך געגאַנגען מיט דער מיידעל הינטער דער שטאָט, ביים וועלדעל, וויל דאָרט האָבען אויף אונז געוואַרט אונזערע ביידענס זיידעס. דאָרט האָב איך געדאַרפט מקבל קנין זיין, נאָר אום שבת קען מען דאָך ניט מקבל קנין זיין, זיינען מיר זונטאָג געגאַנגען נאָך אַמאָל. מיר האָבען געמאַכט אַ קנין און אונזערע זיידעס האָבען אונז געוואונשען מזל טוב. איך

בעט דיר, ליבער פֿאטער, ווינש אונז אויך מזל טוב, און גרייט אַלעם אָן, וואָס איז נויטיג פאַר אונזער חתונה, וועלכע דאַרף אין גיכען פאָרקומען".

ר' מרדכי'ן האָט זעהר געקרענקט דעם זוהנ'ס רייד, אַז זיין קינד זאָל ביי איהם גאָר ניט פרעגען און אַלעם זאָל אָפּגעטאָן ווערען אָהן זיין וויסען. ער האָט אָבער געקענט זיין יוסף'ן און געוואוסט, אַז אויב ער טוט דאָס, מסתמא איז עס מן השמים און ער האָט עפּעס אַ רמז אויף דעם. ער האָט יוסף'ן געפרעגט, ווי רופט מען זיין צוקינפטיגען מחותן, האָט ער איהם געזאָגט, אַז זיין נאָמען איז יונה און ער וואוינט אין אַ נאָהענטער שטאָט, אין אַן אָרימע הייזעל.

ר' מרדכי איז נאָך דעם זעלבען טאָג געפאָהרען אין יענער שטאָט נאָכפרעגען אויף דעם יונה'ן. ער איז געוואויר געוואָרען, אַז זיין צוקינפטיגער מחותן איז אַ גרויסער אָרימאַן. ער איז זיך מפרנס פון דעם וואָס ער פאַרמאָגט אַ פערדעל און איז צו דעם צייטענווייז אויך אַ טרעגער.

ר' מרדכי'ן איז געוואָרען ביטער אויפ'ן האַרצען. מיט וועמען ער געהט זיך דאָ מתחתן זיין, מיט אַן אָרימען פוהרמאַן! ער האָט דאָך געקאָנט טאָן אַ שדוך פאַר זיין זוהן מיט דעם גרעסטען גביר, וואָס וואָלט דעם זוהן געגעבען פיעל געלד נדן, און איצט וועט ער נאָך דאַרפען מאַכען דער כלה אפילו חופה מלבושים. עס איז איהם געקומען אַ געדאַנק, אפשר האָט עס די כלה אָפּגעטאָן איהר זוהן עפּעס אַ כשוף, אפשר זאָל ער זיך איינשטעלען און ניט דערלאָזען דעם זוהן טאָן אַזאַ זאַך?

אין יענער צייט האָט געקלונגען איבער דער וועלט דער רבי ר' אלימלך אַלס אַן איש אלקים, וועלכער טוט נפלאות. ר' מרדכי האָט באַשלאָסען, ער זאָל צופאָהרען צו דעם רבי'ן און איהם אַלעם דערצעהלען.

אַז רבי אלימלך האָט אויסגעהערט די מעשה, האָט ער געזאָגט צו ר' מרדכי'ן: „פאָהר אַהיים און פאָלג דיין זוהן. מאַך אַ תנאים און דערנאָך אַ חתונה. קיין בעסערען שדוך וועסטו ערגעץ ניט געפינען. דו וועסט נאָך דאַרפען דאַנקען גאָט פאַר דעם גרויסען זכות, וואָס ר' יונה וועט וועלען מיט דיר זיך משדך זיין".

ר' מרדכי איז אַוועקגעפאָהרען פון רבי'ן אַן אויפגעלעבטער. ער איז שוין געווען צופרידען און געוואוסט, אַז עפּעס איז דאָ אַ הייליגער סוד דערביי. ער האָט גלייך אַוועקגעשיקט אַ שליח מיוחד צו ר' יונה'ן, אַז ער, ר' מרדכי, וויל זיך מיט איהם מתחתן זיין.

ר' יונה האָט געענטפערט דעם שליח: „וויבאַלד ר' מרדכי וויל זיך מיט מיר מתחתן זיין, זאָל ער מיר שיקען עטליכע רובעל אומצובייטען מיין פערדעל. ער זאָל אויך אָנגרייטען שעהנע מלבושים פאַר חתן כלה און זעהן מאַכען אַ בעל-הבתישע חתונה".

ר' מרדכי האָט אַלעס געטאָן, וואָס זיין צוקינפטיגער מחותן האָט פון איהם פאַרלאַנגט און מען האָט געשריבען תנאים.

פאַר דער חתונה איז אָנגעקומען אַ שליח פון רבי, ר' אלימלך, מיט אַ בקשה, אַז די חתונה זאָל פאַרקומען ביי איהם אין הויז. ר' מרדכי האָט מיט שמחה מסכים געווען.

די חתונה איז געמאַכט געוואָרען אין דער באַשטימטער צייט, ביי ר' אלימלך אין הויז. ר' יונה איז געקומען צו דער חופה פון זיין טאָכטער אין זיינע פּראָסטע מלבושים און אַרומגעגאַרטעלט מיט אַ שטריק.

ער האָט געבענשט די קינדער צו דער חופה און איז באַלד אַוועקגעפאָהרען צו זיך אַהיים.

אויף מאָרגען איז אָנגעקומען פון איהם אַ שליח מיוחד, אַז ער, יונה, פאַרלאַנגט, אַז חתן־כלה זאָלען קומען צו איהם אויף שבע ברכות. אָבער אויסער זיי זאָל קיינער ניט פאָהרען, אפילו דער אבי החתן אויך ניט.

חתן־כלה זיינען אַוועקגעפאָהרען.

דאָ האָט אָבער ר׳ מרדכי שטאַרק געבענקט נאָכ׳ן זוהן, און צוריקגעשיקט אַ שליח צו זיין מחותן, אַז ער בעט חתן־כלה מיט ר׳ יונה׳ן זאָלען קומען צו איהם אויף די לעצטע שבע־ברכות ביי איהם אין הויז.

ר׳ יונה האָט אָפּגעענטפערט דעם שליח, אַז ער קען ניט פאָהרען צו ר׳ מרדכי׳ן אין הויז. ער איז אָבער מסכים, אַז די לעצטע שבע ברכות זאָלען פאָרקומען ביי רבי ר׳ אלימלך, וואו זיי וועלען אַלע זיין צוזאַמען.

זיי זיינען אַלע באַלד אַוועקגעפאָהרען צו ר׳ אלימלכ׳ן. מען האָט דאָרט געפּראַוועט אַ שעהנע סעודה. ר׳ מרדכי האָט דעם זוהן אָפּגערופען אָן אַ זייט און איהם געבעטען, ער זאָל איהם דערצעהלען, וואָס איז פאָרגעקומען ביי ר׳ יונה׳ן אין שטוב. דער זוהן האָט איהם דערצעהלט, אַז ביי יעדער סעודה פלעגען אַליץ אָנקומען פנים חדשות, אידען פשוט׳ע, בעלי־מלאכות, וואַסער־טרעגער, פוהרמאַנעס, האָלץ־העקער און דאָס גלייכען. אָבער זיי זיינען אַלע געווען פון די ל"ו צדיקים, און מען האָט דאָרט גערעדט סודות התורה, אַז ער אַליין האָט גאָר ניט פאַר־שטאַנען. אויך זיינען די סעודות געווען זעהר רייכע ווי ביי די גרעסטע גבירים.

ר׳ מרדכי האָט שוין פאַרשטאַנען ווער זיין מחותן איז און האָט זיך גאָר ניט געקענט זאַט אָנקוקען אויף איהם. ער האָט גערעדט צו איהם מיט גרוים דרך ארץ און איהם געגעבען פיעל געלט.

נאָך דער חתונה איז ר' אלימלך צוגעגאַנגען צו ר' מרדכי'ן און געזאָגט: „זעגען זיך איצט אָפּ מיט דיינע קינדער, די יונגע פּאָר, און מיט דעם מחותן, ווייל זיי פאָהרען אַוועק און דו וועסט לאַנג דאַרפען וואַרטען ביז דו וועסט זיי קענען זעהן נאָך אַמאָל".

ר' יונה האָט זיך מיט זיי האַרציג צוזעגענט. ער האָט געקושט דעם מחותן און דעם חתן און געבענשט די כלה. ער האָט געוויינט פון פאַרגעניגען און פון בענקשאַפט וואָס ער דאַרף זיך צושיידען מיט זיין ליבען זוהן. צולעצט האָט זיך ר' מרדכי צוזעגענט מיט רבי ר' אלימלך און איז אַוועקגעפאָהרען אַהיים.

דער מחותן מיט דער יונגער פּאָר זיינען געפאָהרען אין אַן אַנדער וועג.

* * *

אין עטליכע וואָכען אַרום האָט ר' מרדכי געשיקט אַ שליח זעהן, צי יענער מחותן מיט זיין זוהן און שנור וואוינען אויף דעם זעלבען אָרט אין יענער שטאָט. דער שליח איז געקומען און געענטפערט, אַז תיכף נאָך דער חתונה איז יונה מיט זיין הויז-געזינד ערגעץ אַוועקגעפאָהרען און קיינער ווייסט ניט, וואו זיי זיינען אַהינגעקומען.

ביז אַ טאָג פאַר זיין פּטירה האָט ר' מרדכי ניט געוואוסט וואו זיין זוהן איז געווען. ווען ער איז געלעגען אויף דער קראַנ-קער בעט, איז געקומען אַ קאַרעטע לעם שטוב און פון דאָרטען זיינען אַרויס זיין זוהן און שנור און אַריין אין הויז און זיך גע-שטעלט לעם זיין בעט.

ר' מרדכי האָט זיי דערקענט און זיך שטאַרק משמח געווען מיט זיי. ער האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבען פון בעט און גע-געבען זיין זוהן „שלום".

דער זוהן און שנור האָבען איהם באַדינט איין טאָג. אויף מאָרגען איז זיין נשמה אַרויס מיט טהרה.

נאָך שבעה איז דער זוהן מיט דער ווייב אַוועקגעפאָהרען אין זייער וועג.

---

לו.

## אַ וואונדערליכע געשיכטע פון אַ צדיק אַ נסתר

דער לעמבערגער רב פלעגט זיך נוהג זיין, ווי אַלע צדיקים, אויפצושטעהן צו חצות. ער פלעגט אָפּזאָגען די תחנונים און דערנאָך צום פאַרטאָג געהן אין מקוה, זיך טובל זיין און אַוועק־געהן אין בית מדרש. דער שמש פלעגט דעם רב שטענדיג באַ־גלייטען אין וועג צו דער מקוה.

איינמאָל, ווען זיי זיינען אַזוי ביידע געגאַנגען און געקו־מען נאָהענט צום מרחץ, האָט דער רב דערזעהן, ווי אין אַ שטוב אין ווינקעל פון גאַס לייכט זיך אַ ליכט. האָט דער רב געשיקט דעם שמש, ער זאָל אַ קוק טאָן וואָס טוט מען דאָרט אין שטוב נאָך האַלבע נאַכט. אפשר ח"ו אַמאָל אַן עבירה. דער שמש האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר מען זאָל איהם עפענען. האָט מען איהם געעפענט, און ער האָט דאָרט געזעהן, ווי אַ שניידער זיצט און נייט און פאַרריכט אַ מלבוש. דער שמש איז אַרויסגעגאַנגען און דערצעהלט דעם רב וואָס ער האָט געזעהן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דער שמש ווידער אין דער זעלבער צייט געגאַנגען מיט דעם רב אין מקוה. ערשט זיי זעהן, אַז פון דער זעלבער הויז שיינט ווייטער אַרויס אַ ליכט. האָט דער רב נאָכאַמאָל געשיקט דעם שמש, ער זאָל זעהן וואָס דאָר־טען איז, און דער שמש האָט ווידער געטראָפען דעם זעלבען שניידער ווי ער זיצט און פאַרריכט אַ מלבוש.

אין א טאָג אַרום זיינען זיי ווידער געגאַנגען און ווידער האָט געלויכטען די ליכטעל פון דעם שניידער׳ס הויז. איז דעם רב געוואָרען א וואונדער די מעשה און האָט געטראכט, עס איז אַודאי ניט קיין פשוט׳ע זאַך. דער רב האָט באשלאָסען, אַז ער וועט אליין צוגעהן אין שטוב אריין און געוואויר ווערען וואָס דאָס איז.

ביי דעם שיין פון דער ליכט האָט זיך דער רב דערנעהנ־טערט צום הויז. אָבער ווי ער האָט אַן עפען געטאָן די טיר, האָט זיך די ליכט אויסגעלאָשען און אין הויז איז מיט אמאָל געוואָרען פינסטער. האָט דער רב געבעטען די בני־בית אָנ־צינדען פייער און דערנאָך געפרעגט דעם שניידער: „שוין דריי נעכט אז ביי דיר ברענט אַ ליכט אין מיטען נאכט אין הויז. איך האָב די ערשטע צוויי מאָל געשיקט דעם שמש, האָט ער דיר געטראָפען פאררכטענדיג א מלבוש, און איצט, אז איך בין אַליין געקומען, איז מיט אמאָל געוואָרען פינסטער?"

דער שניידער האָט אָנגעהויבען שטאַמלען און זיך געוואָלט משמט זיין פון צו געבען אַן ענטפער. אָבער דער רב האָט איהם איבערגעהאַקט און געזאָגט: „איך בין אויף דיר גוזר בגזרת הרב, אז דו מוזט מיר זאָגען דעם אמת".

האָט איהם דער שניידער דערצעהלט דעם גאנצען אמת.

„רבי", האָט דער שניידער געזאָגט, „איהר האָט אויף מיר גוזר געווען, מוז איך אייך מגלה זיין. נאָר איהר מוזט מיר צו־זאָגען, אַז דאָס וועט ביי אייך בלייבען אַ סוד".

דער רב האָט איהם צוגעזאָגט, און דער שניידער האָט ווייטער געזאָגט:

„אַלע נאַכט, פונקט אין דער צייט, קומט צו מיר אליהו הנביא און לערנט מיט מיר ביז פאַרטאָג. דער שמש, וואָס איז אַ פראָסטער מענש, האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט א פאַלש גע־מעהל, ווי איך פאַרריכט א מלבוש. אָבער איהר, רבי, וואָס באַ־

זיצט דעם כח התורה, האָט זיך אייך אַזאַ זאַך ניט געקענט פאָרשטעלען. דעריבער איז געוואָרען פינסטער, כדי איהר זאָלט גאָרנישט זעהן".

דער רב איז דערשראָקען געוואָרען פון דעם אידען'ס מעשה. ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז דער שניידער איז אַ נסתר. ער האָט איהם גלייך געבעטען, אַז ער זאָל בעטען אליהו הנביא, ער זאָל אויך מיט'ן רב לערנען און זיי וועלען לערנען אַלע צוזאַמען.

דער שניידער האָט איהם צוגעזאָגט, אַז ער וועט וועגען דעם איבעררײדען מיט אליהו הנביא.

אויף מאָרגען איז דער רב געקומען צום שניידער. האָט דער שניידער איהם געזאָגט, אַז ער האָט וועגען איהם גערעדט מיט אליהו הנביא, און ער האָט איהם געזאָגט, אַז דאָס איז אונמעגליך, נאָר ער האָט געגעבען רשות דעם שניידער, אַז ער זאָל איבערזאָגען דעם רב אַלץ וואָס ער הערט פון איהם. דער רב האָט זיך דערפרעהט אויך אויף דעם.

פון דאַמאָלט אָן פלעגט דער רב אַלעמאָל אין האַלבע נאַכט געהן צום שניידער און יענער פלעגט מיט איהם לערנען ביז פאַרטאָג. דער רב האָט פון דעם לערנען געהאַט זעהר פיעל תענוג. עס האָט זיך איהם געעפענט די אויגען און געהערט אַזוינע חדושים אין נפלה ונסתר וואָס ער האָט ביז דאַמאָלט קיינמאָל ניט געהערט.

איינמאָל זאָגט דער רב צום שניידער:

„אמת, איך בין טאַקע מקבל פאַרגעניגען פון לערנען, נאָר מיין האַרץ קלאַפּט מיר. אפשר איז דער לערנען גאָר פון דער סטרא אחרא ר"ל. איך בעט דיך דעריבער, כדי איך זאָל מעהר נהנה זיין פון דעם הייליגען לערנען און איך זאָל זיין רוהיג בכל לבבי ונפשי, גיב עפּעס אַ צייכען, איך זאָל וויסען אַז דאָס לערנען איז פון קדושה".

דער שניידער האָט איהם געזאָגט, אַז ער קען ניט געבען קיין מופתים, נאָר ער וועט פרעגען אליהו הנביא וועגען דעם. צומאָרגענס האָט דער שניידער געזאָגט דעם רב, אַז אליהו הנביא האָט איהם געזאָגט דעם סימן, אַז כל זמן דער שניידער לעבט וועט קיין מענש ניט שטאַרבען אין שטאָט.

פון דאַמאָלט אָן, אַז אימעצער פלעגט ווערען קראַנק אין שטאָט, פלעגט דער רב פאַרזיכערען מיט אַ ודאי אַז יענער וועט ניט שטאַרבען. כאָטש דעם סוד פון וואַנען ער ווייס דאָס, האָט דער רב קיינעם ניט פאַרטרויט.

איינמאָל איז דער רב געזעסען און געלערנט. ערשט ער הערט אויסרופען אין גאַס, אַז מען זאָל געהן צו אַ לויה. האָט ער שוין געוואוסט, אַז דער שניידער איז געשטאָרבען. דאָך האָט ער געפרעגט ביי די מענשען, ווער איז דער נפטר. האָט מען איהם געזאָגט, אַז דאָס איז געשטאָרבען אַ שניידער, אַ פראָסטער מענש און זיין דירה איז נאָהענט פון מרחץ.

דער רב האָט תיכף געהייסען אָפהאַלטען די לויה און אָנגעזאָגט, אַז ער וועט אַליין מספיד זיין דעם נפטר. ער האָט דערצעהלט ווער דער שניידער איז געווען, פון זיינע גרויסע צדקות, און אַז אין זיין זכות איז קיינער אין שטאָט פאַר איהם ניט געשטאָרבען.

די שטאָט האָט זעהר באַוויינט זיין טויט און איהם געגעבען אַן אָרט אין איין שורה מיט די גאונים וצדיקים, די רבנים פון לעמבערג.

——:——

לז.

# וואונדערליכע מעשיות מיט'ן הייליגען צדיק ר' הערשעלע קאַמינקער זצ״ל און זיין ווייב

ווי אַזוי ר' הערשעלע מיט דער רבי'צן פאָהרען קיין ארץ ישראל

דער הייליגער צדיק ר' הערשעלע האָט זיך אין זיין האַר־צען אַרומגעטראָגען מיט אַ גרויסען באַגעהר צו פאָהרען קיין ארץ ישראל. ער פלעגט אָבער זיצען יומם ולילה און לערנען און זיך מפרנס געווען מיט גרוים צמצום. האָט ער זיין פאַר־לאַנג בשום אופן ניט געקענט אויספיהרען אל הפועל, און האָט פון דעם געהאַט זעהר פיעל עגמת נפש.

אָבער מן השמים האָט מען פאַרנומען זיין צער און מען האָט איהם געהאָלפען אויף אַ וואונדערליכען אופן.

די מעשה דערפון איז אַזוי געווען:

אין דער שטאָט קאַמינקע פלעגען יעדעס יאָהר פאָרקומען צוויי גרויסע יאַרידען. דער ערשטער — תיכף נאָך פסח, און דער אַנדערער — נאָך סוכות. איינמאָל, נאָהענט צו דעם ערשטען נאָך־פסח'דיגען יאַריד, איז אַן אַלטער, גוי'שער בעטלער אַריין צום רבי'ן אין הויז און געבעטען מען זאָל איהם טאָן אַ טובה און ערלויבען איבערצולאָזען ביז פאַרנאַכט זיינע שטיוועל, ווייל אויף דעם יאַריד דאַרף ער זיך זעהר פיעל אָנגעהן, און אין אַזעל־כע שווערע שטיוועל איז עס איהם זעהר שווער צו טאָן. דער רבי איז דאַמאָלט געזעסען אין בית המדרש און געלערנט, און די רבי'צן האָט דעם בעטלער אָנגעוויזען אַן אָרט הינטער דער באַנק־בעטעל, וואו זי פלעגט האַלטען איהרע קיך־כלים. דער בעטלער האָט דאָרט אונטערגערוקט זיינע שטיוועל און איז אַוועקגעגאַנגען. עס איז אַריבער דער יריד, אָבער דער בעטלער איז ניט געקומען אָפּנעמען זיינע שטיוועל. די רבי'צן האָט פון

דער זאַך קיין ווערן ניט געמאַכט און אפילו ניט דערצעהלט פון דעם ר' הערשעלע'ן. אזוי ווי דאָרט, הינטער דער באַנק, פלעגט זי זעהר זעלטען געהן, האָט זי מיט דער צייט אַליין אָן דעם פאַרגעסען. אַזוי איז אַריבערגעלאָפען דער זומער, עס איז אויך דורכגעגאַנגען דער אַנדער, נאָך-סוכות'דיגער יריד און אויך דער גאַנצער ווינטער און דער בעטלער איז אַלץ ניט געקומען נאָך זיינע שטיוועל.

אַז עס איז געקומען ערב פסח צו בדיקת חמץ, איז דער הייליגער ר' הערשעלע געקומען פריהער פון שוהל און געהאַלפען דער רבי'צן אויסצוראַמען די שטוב און דורכצוקוקען אַלע ווינקעלאַך עס זאָל זיך חס ושלום ניט געפינען קיין חמץ. זוכענדיג, זיינען זיי אַזוי צוגעקומען צו דער באַנק-בעטעל און אָנגעהויבען דאָרט אויפצוראַמען. זיי האָבען אַרויסגעשלעפט אַלץ, וואָס דאָרטען איז פאַר דעם גאַנצען יאָהר געווען אָנגעוואָרפען. פּלוצלינג האָבען זיי זיך אָנגעשלאָגען אָן אַ שווערע זאַך. ר' הערשעלע האָט גענומען ציהען, אָבער ער איז פאַרמאַטערט געוואָרען און ניט געקענט אַרויסשלעפען. האָט איהם די רבי'צן געהאָלפען און צוזאַמען האָבען זיי קוים די זאַך אַרויסגעצויגען. צו זייער גרויס וואונדער האָבען זיי דערזעהן אַ פּאָר אונגעוועהנליך-גרויסע שטיוועל. זיי האָבען גענומען קלערען, פון וואַנען קומט צו זיי אַזאַ פּאָר שטיוועל. האָט זיך די רבי'צן דערמאָנט אָן דעם אַלטען בעטלער און וועגען דעם דערצעהלט ר' הערשעלען. זיי האָבען גענומען באַטראַכטען, וואָס די שטיוועל זיינען אַזוי שווער. ערשט זיי זעהן, די שטיוועל זיינען גאָר אָנגעפילט מיט גאָלדענע רענדלאַך. זיי זיינען נבהל געוואָרען פון גרויס איבעררעשונג. ר' הערשעלע האָט זיך אָבער באַלד באַרוהיגט, און געזאָגט דער רבי'צן, אַז דעם אוצר האָט מען זיי צוגעשיקט מן השמים, זיי זאָלען קענען פאָהרען קיין ארץ-ישראל.

אזוי האָבען זיי טאַקע געטאָן. תיכף נאָך פסח האָט ר' הערשעלע איינגעפּאַקעוועט אַלעם וואָס ער האָט געהאַט, זיך געזעגענט מיט קאַמינקע און איז מיט דער רבי'צן אַוועק קיין ארץ-ישראל.

———:———

## לח.

### די נסים מיט דער רבי'צן, ר' הערשעלעס ווייב, אין ארץ ישראל

ר' הערשעלע'ס ווייב, די רבי'צן, האָט אַמאָל מקיים גע־ווען די מצוה פון פקוח נפשות. זי האָט אַן אָרימע משפחה, וועלכע איז אויסגעגאַנגען פון הונגער, געבראַכט עסען און טרינקען און דערנאָך זיי דערהאַלטען ביים לעבען פאַר אַ שטיק צייט.

מען האָט איהר דערפאַר אין הימעל געגעבען אַ גרויסען זכות, אַז ווען די רבי'צן פלעגט נאָר אַריבערטרעטען די שוועל פון אַ יולדת, האָט די יולדת גלייך געבוירען דאָס קינד. פאַר די קאַמינקער איינוואוינער איז שוין דער רבי'צינ'ס כח געווען באַוואוסט, און תיכף ווי עס פלעגט טרעפען, אַז אַ פרוי איז געגאַנגען שווער צו קינד, איז מען געלאָפען צו דער רבי'צן, זי זאָל ראַטעווען. די רבי'צן פלעגט גלייך אַריבערגעהן דעם שוועל פון דער יולדת'ס הויז, אַריינגעהן אין הויז און זאָגען „גוט מאָרגען" און די יולדת איז תיכף געהאָלפען געוואָרען.

אַז ר' הערשעלע מיט דער רבי'צן זיינען געקומען קיין ארץ-ישראל, האָט דאָך, פאַרשטעהט זיך, קיינער פון דער רבי'צנ'ס סגולה ניט געוואוסט. האָבען די הייליגע פאַר־פאָלק באַשלאָסען, זיי זאָלען די זאַך ניט מגלה זיין פאַר קיינעם.

אַמאָל איז גראַדע ביי אַ שכן לעבען זייער הויז די פרוי געגאַנגען שווער צו קינד. מען האָט גערופען אַלע שטאָטישע

דאָקטוירים און זיי האָבען גאָר נישט געקענט העלפען. האָט ר' הערשעלע געהייסען דער רבי'צן, זי זאָל אריינגעהן צו דער יולדת, נאָר זי זאָל זיך היטען, אַז קיינער זאָל ניט מערקען.

אַזוי איז געווען. די רבי'צן איז שטילערהייט אַריין צו דער יולדת אין הויז און די פּרוי איז טאַקע געהאָלפען געוואָרען און בשלום געהאַט אַ קינד. דעם מאָל האָט זיך עס איהר איינ־געגעבען. קיינער האָט ניט געוואוסט, אין וועמענס זכות די יולדת האָט פּלוצלינג געבוירען דאָס קינד בשלום.

אָבער באַלד האָט זיך געמאַכט נאָך פיעל פאַלען פון מקשות לילד און ר' הערשעלע האָט אויף אַלעמען געהאַט רחמנות און געשיקט אומעטום דער רבי'צן, זי זאָל אריבערטרעטען די שוועל פון יענער הויז, וואו די יולדת ליגט. עס האָט ניט גענומען לאַנג, און אין שטאָט האָט מען זיך גענומען נאָכקוקען און דער־גאַנגען דער רבי'צנ'ס סוד, אַז נאָר צוליעב איהר זכות ווערען דאָס די קינפּעטאָרינס געהאָלפען. די זאַך איז באַלד געוואָרען מפורסם איבער'ן גאַנצען געגענד, און וואו עס האָט נאָר גע־טראָפען אַ פאַל פון אַ מקשה לילד, איז מען געלאָפען און גע־וויינט פאַר דער רבי'צן, זי זאָל געהן און העלפען. די רבי'צן האָט דערפילט אַלעמענס בקשה. זי פלעגט קיינעם ניט אָפּזאָגען און מיט אַלעמען מיטגעהן. דערפאַר האָט מען זי זעהר אָנגע־הויבען מכבד זיין, און זייער נאָמען איז געוואַקסען לשבח ולתפארה.

איינמאָל, אין דעם געגענד וואו ר' הערשעלע מיט זיין ווייב האָבען געוואוינט, איז דעם פּאַשאַ'ס טאָכטער געגאַנגען שווער צו קינד. דער פּאַשאַ האָט גערופען די בעסטע דאָקטוי־רים, אָבער זיי האָבען קיינער איהר ניט געקענט העלפען. מען האָט אַפילו אַרויסגערופען אַ פּראָפעסאָר פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אָבער אויך ער האָט קיין עצה ניט געקענט געבען. אַלע דאָק־טוירים האָבען איינשטימיג אַרויסגעגעבען זייער באַשלוס, אַז

איינער מוז שטאַרבען, אָדער מען זאָל אויפשניידען דעם בויך פון דער מוטער און אַרויסנעמען דעם קינד אַ לעבעדיגען, דאַמאָלט וועט אָבער די מוטער ניט לעבען; אָדער מען זאָל צושניידען דאָס קינד און אַרויסנעמען שטיקערווייז. דער פּאַשאַ האָט ביטער געוויינט פון גרויס צער. ער האָט זיך קיין עצה נישט געקענט געבען, ווייל ביידע נפשות זיינען איהם גלייך געווען ליעב און טייער און ער האָט ניט געקענט פּאַסען קיין באַשלוס, וועמען צו לאָזען לעבען און וועמען צו טויטען.

דער פּאַשאַ איז געווען אַן אוהב ישראל, און ער האָט זעהר מכבד געווען די אידישע רבנים. ער האָט דעריבער אין זיין עת צרה אַוועק אין דעם אידישען קוואַרטאַל צו זיין פריינד, אַן אַלטען רב, און איהם דערצעהלט זיין לאַגע. ער האָט פאַר איהם געוויינט, איהם געבעטען מתפלל זיין און געפרעגט, אפשר וויים ער עפּעס אַ סגולה, צו קענען ראַטעווען ביידענס לעבען. דער רב האָט איהם באַרוהיגט און געזאָגט: „געה אַהיים, דיין טאָכטער וועט מוליד זיין בשלום. אין אַ שעה אַרום וועל איך ביי דיר זיין מיט אַ פרוי, די ווייב פון אַ גרויסען רב, וואָס איז אַהער אָנגעקומען פון פּוילען, און ווי די פרוי וועט נאָר אַריבערטרעטען דעם שוועל פון דיין הויז, וועט דיין טאָכטער גלייך געבוירען“.

דער פּאַשאַ איז אַוועק און דער רב האָט גלייך אָנגעטאָן זיין איבער-בגד און אַוועק צו ר׳ הערשעלע׳ן. ער האָט איהם דערצעהלט, אַז דער פּאַשאַ טוט זעהר פיעל טובות אידען, און איהם געבעטען, ער זאָל שיקען דער רבי׳צן צו דער יולדת. ר׳ הערשעל האָט איהם צוגעזאָגט, און געבעטען דער רבי׳צן געהן. דער אַלטער רב איז אַליין מיטגעגאַנגען מיט דער רבי׳צן. די רבי׳צן האָט די ערשטע איבערגעטראָטען דעם שוועל און זיי זיינען אַריין צום פּאַשאַ אין הויז. עס האָט געדויערט זעהר אַ קורצע ווײַלע, ווי אַ דאָקטאָר איז אַרויסגעלאָפען פון דער קינ-

פעטערינס צימער און אנגעזאגט די פרעהליכע בשורה, אז די טאכטער האט מוליד געווען א לעבעדיגען בן־זכר.

די שמחה פון פאשא און זיינע הויזיגע איז געווען ניט צו באשרייבען. דער פאשא אליין איז ארויפגעפאלען אויפ'ן האלז פון רב און געוויינט און געקושט איהם פון גרויס שמחה און דעם פאשא'ס ווייב האט געקושט דער רבי'צן, און איהר גע־האלטען לאנג ארומגענומען.

דער פאשא האט דערנאך געבעטען דער רבי'צן, זי זאל איהם זאגען וואס נאר זי וויל פון איהם, וועט ער איהר אלץ געבען. די רבי'צן האט זיך אבער אפגעזאגט און ניט געוואלט נעמען קיין מתנה, און איהם געזאגט, אויב ער וויל דערפאר באצאהלען, זאל ער טאן גוטס מיט אלע אידען, וואס געפינען זיך אונטער זיין רשות, און דאס וועט זיין איהר גרעסטע מתנה.

דער פאשא האט אבער דער רבי'צן ניט אפגעלאזט, אז זי מוז נעמען ביי איהם א מתנה, ווייל ער קען ניט רוהען און פיהלט דאס פאר א חוב צו איהר. האט איהם די רבי'צן גע־זאגט, אז קיין געלד דארף זי ניט, אויב ער וויל פאר איהר אויס'פועל'ן אן ערלויבעניש ביים סולטאן, זי זאל קענען אריינ־געהן אין מערת המכפלה, באטראכטען די קברים, וועט דאס פאר איהר זיין די גרעסטע באלוינונג. ווייל די גאנצע צייט האט זי צו דעם א גרויסע תשוקה.

דער פאשא האט איהר צוגעזאגט צו באקומען פאר איהר אזא ערלויבעניש. ער האט געהאלטען ווארט, און אין גיכען טאקע געבראכט איהר אזא פאפיר פון סולטאן, אז מען דארף פאר איהר אויפשליסען די טירען פון דער מערת המכפלה.

פון דער רביצנ'ס בקשה האט זיך דערוואוסט דער הויז־דאקטאר פון פאשא. נאכדעם ווי אלע דאקטוירים האבען ניט געקענט ראטעווען דעם פאשא'ס טאכטער, נאר די אידענע האט

איהר גערעטעוועט, האָט דער דאָקטאָר פון קנאה געקראָגן אַן אומזיסטע שנאה צו דער רבי'צן. ער האָט געזוכט פּלאַנען ווי אַזוי צו טאָן איהר שלעכטס און איהר אָפּרוימען פון וועג. אַז ער האָט דערהערט פון דער רבי'צנ'ס פאַרלאַנג, צו באַזוכען דעם מערת המכפלה, איז איהם איינגעפאַלען אַ געדאַנק, אַז דאָ איז דער בעסטער וועג, ווי צו פּטור ווערען פון איהר.

דער וועכטער פון דער מערה איז געווען אַ פאַנאַטישער אַראַבער. דער דאָקטאָר האָט איהם געזאָגט, אַז ווען ניט קיין מאַכמעדאַנער טרעט אַריבער די טרעפּ פון דער מערת המכפלה, באַגעהט ער זעהר אַ שווערע זינד און איז מחויב צו שטאַרבען. און האָט איהם איבערגערעדט, אַז ווען די רבי'צן וועט אַראָפּ־געהן די שטיגען און זיין טיעף אין הייל, זאָל ער פאַרשליסען די טיר און די פרוי וועט דאָרט שוין בלייבען און שטאַרבען פון הונגער.

דער דינער האָט דעם דאָקטאָר צוגעזאָגט אַזוי צו טאָן.

די רבי'צן האָט זיך צוגעגרייט דורך סיגופים און תשובה, און איז אַוועקגעפאָהרען קיין חברון און האָט דעם שומר אי־בערגעגעבען די ערלויבעניש. דער שומר האָט פאַר איהר תיכף אויפגעשלאָסען די טירען און אַריינגעלאָזט. אָבער ווען זי איז אַראָפּ די נידעריגע שטיגען, איז דער שומר אַרוים און פאַר־שלאָסען הינטער זיך פון אויסוויינינג די טיהר. די רבי'צן האָט פון קיין זאַך ניט געוואוסט. זי האָט פריהער הארציג מתפלל געווען און נאָכדעם געוואָלט אַרויסגעהן, ערשט זי געפינט די טיהר פאַרשלאָסען. זי האָט אָנגעהויבען קלאַפּען און שרייען מיט איהרע לעצטע קרעפטען, מען זאָל איהר עפענען, אָבער קיינער האָט איהר ניט געענטפערט. זי האָט אָנגעהויבען וויי־נען און קלאָגען מיט שרעקליכע געשרייען, אָבער עס האָט קיין זאַך ניט געהאָלפען, קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופען. אַ פאַר־

מאטערטע האט זי זיך געזעצט אויף דער ערד און איז איינ-געשלאפן.

פלוצלינג האט זי דערפיהלט ווי א האנט ריהרט איהר אן און וועקט איהר פון שלאף. זי האט אויפגעעפענט די אויגען און דערזעהן, די גאנצע מערה איז געווען באגאסען מיט א העלע ליכטיגקייט און א מענש מיט א גאלדענע קרוין אויפ'ן קאפ און א קליין ספר'ל אונטער'ן ארים שטעהט לעבען איהר און זאגט צו איהר:

„מיין טאכטער, שרעק זיך ניט, דו וועסט ניט שטארבען. דיינע שונאים וועלען זיך ניט פרעהען מיט דיין בראך. איך בין דוד המלך און דער ספר'ל איז דער תהלים, און ווייל דו זאגסט אין איהם אלע טאג, בין איך דיר געקומען מציל זיין".

ער האט זי אנגענומען ביי דער האנט און צוגעפיהרט צו א קליין טירל און פאר איהר געעפענט. און ווען זי איז ארויס, איז זי געשטאנען ביי איהר הויז.

———:———

## מא.

# פאַר וואָס דער הייליגער רבי ר׳ שמואל שמעלקאַ איז נסתלק געוואָרען

א וואונדערליכע מעשה מיט א איד אַן אביון, וואָס האָט גורם געווען ר׳ שמואל־שמעלקא׳ס הסתלקות

---

דער גרויסער צדיק יסוד עולם ר׳ יהודה ליב זאקולקאווער ז״ל, דער מחבר פון „לקוטי מהרי״ל״ האָט געהאַט אַ בן יחיד, דעם באַריהמטען גאון און צדיק רבי שמואל שמעלקא זכותו יגן עלינו. דער הייליגער זוהן האָט געוואוינט ביי זיין פאָטער דעם צדיק, און האָט טאָג און נאַכט זיך עוסק געווען אין תורה ועבודה, ביז ער איז אויסגעוואַקסען זעהר הויך און זיין נאָמען איז פאַרהייליגט געוואָרען איבער דער גאַנצער וועלט.

אַז זיין פאָטער האָט געזעהן דעם זוהנ׳ס הייליגקייט, און זיין צער וואָס מענשען קומען צו איהם רעדען און שטערען איהם פון זיין לערנען, האָט ער אין בית המדרש אָפגעצאַמט אַ וואַנט און געמאַכט פאַר׳ן זוהן אַ באַזונדער חדר׳ל, וואו ר׳ שמעלקא איז געזעסען און געלערנט און קיינער האָט ניט געטאָרט דאָרט צו איהם אַריינקומען.

אין דער זעלבער צייט האָט אַרום זאקולקאוו געוואוינט אַ איד אַ חסיד, זעהר אַ גרויסער אָרעמאַן. דער חסיד האָט געהאַט צוויי רייכע פעטערס, וועלכע האָבען ניט געהאַט קיין קינדער. די רייכע פעטערס האָבען צוזאַמען געוואוינט אין אַ דאָרף צווישען זאַקולקאָוו און לובלין. דער אָרעמאַן פלעגט זיך נוהג זיין פאָהרען צו ביידע רבים, הן צום הייליגען רבי פון לובלין והן צו ר׳ יהודה ליב׳ן. אויפ׳ן וועג פלעגט ער זיך אָפשטעלען אין דאָרף און אָפטרעטען ביי די פעטערס. זיי, די ביידע פעטערס פלעגען איהם אויפנעמען זעהר קאַלט און פלעגען

זאָגען: „אַט דער שלעפּער קומט שוין בעטען אַ נדבה". אויך אין דאָרף האָבען איהם שוין אַלע געקענט און געטייטעלט אויף איהם מיט די פינגער, אַז ער געהט דאָס צו די רייכע פּעטערס בעטען נדבות. כאָטש די פּעטערס פלעגען איהם צום סוף יע געבען עסען און טרינקען און אַמאָל אויך עטליכע מטבעות, איז דער אָרעמאַן מאוּם געוואָרען. ער האָט ניט געקענט אַריבער־טראָגען די בזיונות. אַז ער פלעגט דערנאָך קומען צי די צדיקים, פלעגט ער ביי זיי בעטען רחמים, זיי זאָלען מתפלל זיין פאַר גאָט ברוך הוא, אַז עס זאָל שוין אָפּגעטאָן ווערען פון איהם זיין עניות און דחקות. די הייליגע צדיקים האָבען אַלע מאָל גע־זוכט פון איהם זיך משתמט צו זיין, און האָבען איהם קיינמאָל ניט מבטיח געווען, אַז ער וועט ווערען אויס אביון. דער אָרעמאַן האָט אָבער ניט גערוהט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס שטעהט אין וועג און געוואַרט מיט זיינע גאַנצע געדאַנ־קען פאַר אַ שעת הכושר, ווען ער וועט פועל'ן ביי די צדיקים אַז זיין בקשה זאָל ערפילט ווערען.

איינמאָל, אין די הייליגע טעג צווישען כסא לעשור, זיינען צו דעם רבי'ן ר' יהודה ליב'ן אָנגעפאָהרען אַ סך גרויסע חסידים און אנשי מעשה, און אויך דער אָרעמאַן איז מיט זיי געקומען. די חסידים זיינען פאַרפאָהרען ווער צו אַ באַקאַנטען און ווער אין אַן אכסניה, און דער אָרעמאַן איז אַוועק מיט'ן פּעקעל אין בית מדרש. די חסידים האָבען פאַרבראַכט צווישען זיך אין תורה און פון ר' יהודה ליב'ן געלערנט די הייליגע וועגען פון חסידות. אויפ'ן אַנדערען טאָג שפּעט ביי נאַכט, זיינען איניגע גרויסע חסידים געקומען אין בית המדרש און אַריין אין דעם אָפּגעצוימטען הדר'ל, וואו ר' שמואל שמעלקא איז דאַמאָלט געזעסען און געלערנט. זיי זיינען דאָרט לאַנג געזעסען און צוזאַמען מיט ר' שמואל שמעלקא געשמועסט וועגען הייליגע ענינים, ווי זיך צו מדבק זיין אין השם יתברך.

דער אָרעמאַן איז געזעסען אין בית המדרש און זיך צוגע־הערט צו זייער שמועס. באַלד האָט ער דערהערט ווי איין חסיד זאָגט, עס וואָלט זעהר גוט געווען, ווען זיי האָבען איצט אַ ביסעל בראַנפען, זיי וואָלטען מיט זייער טרינקען לחיים גע־קענט מתקן זיין אַ געוויסען תקון. האָט ר׳ שמואל שמעלקא געענטפערט, ווער קען דאָס געהן אין האַלבע נאַכט, ביי אַזאַ גוס רעגען און בלאָטע, (עס האָט דאַמאָלט שטאַרק גערעגענט.) קויפען בראַנפען.

אַז דער אָרעמאַן האָט דאָס דערהערט, האָט ער ביי זיך אַ טראַכט געטאָן, אַז איצט איז די ריכטיגע צייט, וואָס ער קען באמת געהאָלפען ווערען. ער האָט זיך אויפגעהויבען מיט קוראַזש, אַריינגעגאַנגען אין חדר׳ל און צו זיי אַזוי געזאָגט:

„רבותי, איך וויל זיין אייער שליח און איך וועל איצט געהן און אײך ברײנגען בראַנפען, נאָר ר׳ שמואל שמעלקא זאָל מיר מבטיח זיין, אַז איך וועל מעהר ניט ברויכען בעטען מיינע פעטערס קיינע נדבות און שוין מעהר ניט עסען קיין פאַרשעמט ברויט".

דער הייליגער רבי שמואל שמעלקא האָט אויף איהם רחמנות געקראָגען, געגעבען אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ און געזאָגט:

„קענסט געהן ברײנגען בראַנפען".

דער חסיד האָט זיך אָבער מיט דעם ניט באַנוגענט און גע־זאָגט צום רבי׳ן:

„הייליגער רבי, זייט מיר מוחל וואָס איך בין אַזוי מעיז. איך האָב שוין פיעל מאָל געבעטען ביי אייער הייליגען פאָטער און ביים לובלינער רבי, איך האָב פאַר זיי טייכען טרעהרען פאַרגאָסען, זיי זאָלען פאַר מיר מתפלל זיין איך זאָל ווערען אויס אביון, און זיי האָבען מיר קיינמאָל ניט צוגעזאָגט. פאַרלאַנג איך דעריבער, אַז איהר זאָלט מיר דאָס מבטיח זיין בפה מלא".

דער הייליגער רבי שמואל שמעלקא האָט דאַן אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און מיט באַגייסטערונג אַרויסגערעדט:

„וואָס אַרט דאָס דעם רבונו של עולם און וואָס קען דאָס אונז אַרען אַז אַ איד וועט באַפרייט ווערען פון עניות? איך בין דיר מבטיח, אַז דו וועסט בקרוב געהאָלפען ווערען און וועסט זיין אַן עשיר דיין גאַנצען לעבען".

ווי דער אָרעמאַן האָט דאָס דערהערט פון דעם רבי'ס הייליגען מויל, איז ער געוואָרען מלא שמחה. ער האָט שנעל געכאַפּט דאָס פלעשעל און איז אַוועקגעלאָפען אין שענק. אויפ'ן וועג האָט איהם דער רעגען דורכגעווייקט די קליידער און די פיס האָבען געזונקען אין בלאָטע, דער אָרעמאַן האָט אָבער אָנגעשטרענגט אַלע זיינע כחות און איז גאָר גיך שוין געשטאַנען פאַר דעם שענקערס טהיר. דער שענק איז שוין געווען גע־שלאָסען. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און אויסגעשריען, אַז ער וויל קויפען פאַר זעהר אַ סך געלד בראַנפען. דער שענקער האָט זיך אויפגעהויבען פון בעט און איהם געעפענט. אַז ער האָט פאַר זיך געזעהן דעם בעטלער מיט די פּאָר גראָשען, איז ער געוואָרען אין כעס און איהם ניט געוואָלט פאַרקויפען. דער אָרימאַן איז אָבער געפאַלען צו זיינע פיס און פאַר איהם גע־וויינט, ביז ער איז מרוצה געוואָרען, און איהם אָנגעגאָסען די ביסעל בראַנפען. מיט גרויס שמחה איז דער אָרעמאַן געלאָפען צוריק און געבראַכט ר' שמואל שמעלקא'ן מיט די חסידים די בראַנפען.

אָבער שוין דעם שבת חול המועד סוכות, האָט ביי ר' שמואל שמעלקא'ס פאָטער, דעם הייליגען רבי ר' יהודה ליב, געטראָפען אַ מעשה.

דער רבי איז געזעסען אין זיין סוכה ביי דער סעודה פון שחרית, אַרומגערינגעלט פון זיינע הייליגע חסידים. דאָס פענסטער פון סוכה איז אויסגעקומען פונקט געגענאיבער דעם

רבי'ן. פלוצלינג אין מיטען דער סעודה האָט אַ האָהן אַ שפּרונג געטאָן אין פענסטער און מיט זיינע פליעגעל שטאַרק אַ קלאַפּ געטאָן אין די שויבען און תיכף צוריק אַוועקגעלאָפען. דער רבי האָט צום האָהן אַ געשריי געגעבען: „מ'דאַרף מיר נישט דערצעהלען; איך ווייס עס אַליין". עס האָט ניט לאַנג געדויערט און דער זעלבער האָהן האָט נאָך אַמאָל אַ שפּרונג געטאָן און ווידער געגעבען אַ קלאַפּ אין פענסטער. האָט דער רבי געזאָגט: „איך ווייס ניט, וואָס ער וויל פון מיר; איך האָב דאָך שוין געזאָגט, אַז איך ווייס דאָס אַליין!" דער האָהן איז באַלד אַוועק־געפלויגען צוריק. די חסידים זיינען געזעסען ווי פאַרגליווערט פון שרעק און ניט געקענט ריהרען מיט קיין אבר. באַלד איז אָבער זייער שרעק נאָך געוואָרען גרעסער. דער האָהן האָט אַ דריטען מאָל אַ שפּרונג געטאָן אין פענסטער, צובראָכען די שויב, איז אַריינגעפלויגען אין סוכה און זיך געזעצט אונטער דער באַנק, וואו דער רבי איז געזעסען. האָט דער רבי גלייך געזאָגט צו די חסידים:

„נעמט שנעל דעם מחוצף פון אונטער מיין באַנק און וואַרפט איהם אַרויס, ווייל דאָס איז שוין צופיעל העזה, אַריינ־צופליהען אין מיין הייליגע סוכה אַריין".

כאָטש די חסידים האָבען געציטערט ביים אָנבליק פון דעם אומגעהויער גרויסען האָהן, דאָך האָבען זיי זיך געשטאַרקט צו ערפילען דעם הייליגען רבי'ס וואונש „זיי האָבען דעם האָהן אַרויסגעוואָרפען פון סוכה. דער רבי האָט פון דער זאַך ניט געמאַכט קיין וועזען. ער איז ווייטער געבליבען זיצען ביים טיש און ממשיך געווען די חדושי־תורה און די רזין ווי אַלע אַנדערע שבתים. נאָך דער סעודה האָט דער רבי אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל היינט קומען דאַווענען מנחה פריהער ווי יעדען שבת.

די חסידים זיינען אַוועק פון טיש מיט גרויס פחד און נישט געקענט טרעפען, וואָס דאָס אַלעס זאָל באַדייטען. זיי האָבען

אָבער ניט געהאַט די העזה פרעגען וועגען דעם רבי'ן, און זיינען געקומען דאַוונען מנחה פריהער ווי אַלע מאָל, ווי דער רבי האָט זיי פאַרזאָגט.

מען האָט גיך אָפּגעדאַוועגט מנחה און אַריין אין סוכה צו שלש סעודות. מען האָט זיך ווי דער שטייגער געזעצט אַרום טיש און געגעסען און דער רבי האָט געזאָגט תורה. ער האָט אָבער אַלע רגע געשיקט אַ חסיד צו זעהן, אויב עס שטעהען שוין שטערן אויפ׳ן הימעל.

ענדליך איז דער חסיד אַריינגעקומען מיט אַן ענטפער, אַז עס שטעהען שוין שטערן. דער רבי האָט גלייך געהייסען בענ־שען, און נאָכ׳ן בענשען גלייך דאַווענען מעריב. נאָך מעריב האָט מען גיך געמאַכט הבדלה און דער רבי איז גלייך נאָכדעם אַריין אין דער רביצינ׳ס חדר און איהר געהייסען זיך אָנטאָן און דינגען אַ פוהר צו באַגלייטען אויף דעם עולם האמת זייער זוהן דעם הייליגען ר׳ שמואל שמעלקא, וואָס איז אין דעם האַלבען טאָג נפטר געוואָרען אין לובלין.

דער רבי מיט דער רביצין האָבען זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ פוהר און זיינען געפאָהרען נאָך לובלין. אַרום האַלב נאַכט זיינען זיי אָנגעקומען אין שטאָט אַריין. דער רבי ר׳ יהודה ליב איז גלייך אַריינגעגאַנגען צום רבי׳ן פון לובלין. ער האָט איהם געטראָפען אָפּריכטענדיג חצות און ר׳ יהודה ליב האָט איהם גלייך אַ פרעג געטאָן: „איך האָב דאָך צו אייך געשיקט מיין שמואל שמעלקא׳ן, איהר זאָלט איהם טאָן אַ טובה".

אויף דעם האָט איהם דער לובלינער רבי געענטפערט:

„איך האָב גענוג פעולות געטאָן אום איהם צו מציל זיין. לדאבוננו הגדול האָט אָבער קיין פעולה ניט געקענט העלפען, צוליעב זיין ברכה צו דעם אָרעמאַן בין כסא לעשור. יענער אָרעמאַן איז געבוירען געוואָרען צו זיין שטענדיג אַן אביון, און אַזוי איז אויף איהם נגזר געוואָרען אין הימעל. אייער זוהן

אָבער, נשמתו בגנזי מרומים. האָט זיך איינגעשפּאַרט אַז דער איד זאָל רייך ווערען און דאָס האָט געמוזט מקוים ווערען, ווייל דער אויבערשטער איז מקיים דעם צדיק׳ס גזרות אָבער ר׳ שמואל שמעלקא האָט שוין מעהר ניט געקענט זיין אויף דער וועלט.

אויף מאָרגען איז געווען דעם הייליגען ר׳ שמואל שמעלקא׳ס לויה. צוליעב יום טוב האָט מען איהם ניט מספּיד געווען, אָבער די גאַנצע שטאָט האָט באַוויינט די גרויסע אבדה.

דערווייל האָט מיט דעם אָרעמאַן געטראָפען אַזאַ מעשה. ער איז ווי זיין שטייגער, געפאָהרען אויף סוכות צום לובלינער. ווי ר׳ שמואל שמעלקא איז נסתלק געוואָרען און דער אָרעמאַן האָט דערהערט אַז ער איז געווען די סיבה פון זיין פּטירה, האָט ער זעהר חרטה געהאַט און ער האָט אויך מורא געהאַט טאָמער וועט מען זיך אין איהם נוקם זיין פאַר זיין צושטעהן צום רבי׳ן, איז ער דעם זעלבען שבת גלייך נאָך הבדלה אָפּגעפאָהרען פון לובלין.

ווי זיין דרך, איז ער אויפ׳ן וועג אָפּגעטראָטען צו זיינע רייכע פעטערס. ווי ער איז אַריינגעקומען אין דאָרף, האָבען די דאָרפס-לייט אויף איהם געטייטעלט מיט די פינגער און געזאָגט:

„אָט געהט דער אָרעמאַן צו זיינע רייכע פעטערס בעטען אַ נדבה ווי אַלעמאָל. ער מוז נאָך גאָר נישט וויסען, אַז היינט מיטאָג זיינען זיינע ביידע פעטערס געשטאָרבען אָהן קינדער און ער וועט ירש׳ענען זייער גאַנצען פאַרמעגען״.

דער אָרעמאַן איז אַריינגעקומען אין זיינע פעטערס הייזער און זיך דערוואוסט פון זייער טויט, און זייער גרויס פאַרמעגען איז טאַקע אַריינגעפאַלען אין זיינע הענד און ער איז געוואָרען אַ גרויסער עושר.

מב.

# וואָס עס ווערט פון קדושה מיט אַ פּניה

(אַ וואונדערליכע מעשה מיט דעם לובלינער רבי, אַ פרעמדער צדיק און דער רבי ר' אלימלך.)

דער הייליגער רבי ר' יעקב יצחק פון לובלין, איז אַמאָל געפאָהרען נאָך ליזענסק צום רבי'ן ר' אלימלך. אויפ'ן וועג איז ער דורכגעפאָהרען אַ שטאָדט און ער האָט געהערט, אַז דאָרט געפינט זיך אַ גרויסער צדיק. דער רבי ר' יעקב יצחק איז צו איהם געגאַנגען אַהיים און ער האָט געזעהן, ווי דער רבי ברענט אין גאַנצען אין אַ הייליג פייער און אַלע זיינע תהלוכות זיינען מיט אַזוי פיעל התלהבות, וואָס ער דער, דער לובלינער רבי, האָט נאָך אַזוינס ניט געזעהן און ניט געהערט.

ר' יעקב יצחק האָט ביי זיך באַשלאָסען צו פאַרבלייבען אין יענער שטאָדט אַ שבת, כדי ער זאָל קענען דעם רבי'ן גוט חוקר ודורש זיין.

ער איז פאַרבליבען איבער שבת, און ער האָט זיך טאַקע פעסט איבערציייגט, אַז דער רבי איז באמת אַ קדוש וטהור, וואָס קען ניט געבען העכער.

נאָר איין זאַך איז יע דעם לובלינער רבי'ן געוועזן קשה. ער האָט געפרעגט דעם צדיק, וועמען פון די צדיקים האָט ער משמש געוועזן, האָט ער איהם געענטפערט, אַז קיינעם ניט, ער האָט דאָס אַליין באַקומען די קדושה. און דאָס האָט דער לובלינער רבי געוואוסט, אַז די חסידי'ישע וועגען קען מען אַליין ניט מכוון זיין, מען מוז זיי מקבל זיין פון אַ צדיק, וואָס יענער האָט זיי אויך מקבל געוועזן פון אימעצען און אַזוי ווייטער, איינער פון צווייטען, ביז דעם הייליגען בעל שם טוב זי"ע.

זאָגט דער לובלינער רבי צום צדיק:

„רבי איך פאָהר איצטער פון דאַנען קיין ליזענסק צום רבי רבי ר' אלימלך. אויב דער רבי וויל קען ער מיט מיר צופאָהרען און ער וועט זעהן נייע וועגען אין חסידות".

דער רבי האָט איינגעוויליגט, און דער לובלינער רבי איז געווען מלא שמחה, וואָס ער וועט ברענגען דעם רבי׳ן אַזאַ הייליגען חסיד.

אין אַ טאָג אַרום זיינען ביידע צדיקים געפאָהרען נאָך ליזענסק. דער רבי ר׳ אלימלך פלעגט זיך שטענדיג נוהג זיין, אַז ווי דער רבי פון לובלין פלעגט עפענען די טיר, פלעגט ער איהם אַנקעגען לויפען מיט גרויס שמחה און איהם געבען שלום. דעם מאָל, ווען דער לובלינער איז אַריין צוזאַמען מט דעם צדיק, האָט ר׳ אלימלך נאָר אַ נויג געטאָן מיט׳ן קאָפּ און ר׳ יעקב יצחק׳ן געגעבען זעהר אַ שוואַכען שלום. דער לובלינער רבי מיט׳ן צדיק זיינען אַוועק אַהיים זעהר באַטריבט. זיי האָבען ניט געקענט דערקלערען די סיבה פון ר׳ אלימלך׳ס קאַלטקייט.

דער לובלינער רבי האָט אָבער ביי זיך אַ טראַכט געטאָן, אַז עפּעס איז די מעשה ניט גלאַטיג. ער האָט געוואוסט, אַז ר׳ אלימלך האָט איהם באמת ליעב אהבת נפש. אפשר קומט די התרחקות צוליב דעם אונבאַקאַנטען צדיק. איהם איז דעריבער איינגעפאַלען, אַז ער וועט אַליין אַריבערגעהן צום רבי׳ן געוואָהר ווערען די סיבה פון דעם רוגז.

ער איז אַליין אַוועק צום רבי׳ן. אַז ער האָט זיך נאָר באַוויזען ביים טיר, איז ר׳ אלימלך איהם געלאָפען אַנטקעגען מיט גרויס אהבה, איהם געגעבען אַ ברייטען שלום עליכם און געזאָגט:

„וואָס האָסטו צו מיר עפּעס געבראַכט אַזאַ מענש, וואָס איך האָב ניט געקענט קוקען אויף זיין טמא׳דיגען פנים?"

דער לובלינער רבי האָט אויפגעציטערט הערענדיג די רייד. ער האָט דעם רבי׳ן ר׳ אלימלך דערצעהלט די נפלאות און די התלהבות וואָס ער האָט פון דעם צדיק געזעהן און אַז ער האָט גערעכענט, אַז ר׳ אלימלך וועט גאָר מקבל זיין גרויס נחת פון אַזאַ חסיד.

ר' אלימלך האָט גוט אויסגעהערט דעם לובלינער רבי'ס רייד, האָט געגעבן אַ שמייכעל און האָט אַזוי געזאָגט:

„דו זאָלסט וויסען, עס געפינט זיך אַן אָרט וואָס חכמי־הקבלה רופען עס קליפת נוגה (אַ קליפה וואָס וואַרפט פון זיך ליכטיגע שטראַהלען) אין אַזאַ מענשען איז אויסגעמישט גוטעס און שלעכטעס. מעהרסטענטייל קומט עס, ווען דער מענש הויבט אָן צו דינען דעם בורא יתברך דורך אונריינע אורזאַכען אָדער דורך זיין חשק צו גדלות רחמנא ליצלן. ביי דיין צדיק איז אויך אין דער עבודה דאַ אַ פניה און דאָס איז שוין טומאה. זיין פייער איז אַן אש זרה און ניט דער אמת'ער פייער פון קדושה".

דער לובלינער רבי האָט דאָס אַלעם דערצעהלט דעם צדיק. אַז יענער האָט דאָס דערהערט האָט ער אָנגעהויבען יאָמערליך צו וויינען און איהם געבעטען, ער זאָל מיט איהם געהן צו ר' אלימלך'ן בעטען פאַר איהם אַ תיקון, ווייל ער וויל באמת דינען גאָט ברוך הוא מיט אַן עהרליך האַרץ.

דער לובלינער רבי האָט איינגעוויליגט, און זיי זיינען ווידער ביידע אַוועק צו ר' אלימלך'ן. דער רבי ר' אלימלך האָט לכתחילה אָבער גאַר ניט געוואָלט הערען פון געבען אַ תיקון. ער האָט געזאָגט, אַז ער קען איהם ניט העלפען כל זמן ער איז געפאַנגען אין די פינסטערע טומאה, און ער מוז זיך פריהער אליין העלפען און אָנהויבען תשובה צו טאָן. דער לובלינער רבי מיט יענעם צדיק האָבען איהם אָבער שטאַרק מפציר געווען און יענער צדיק האָט דערביי ביטער געוויינט און געזאָגט:

„בין איך דען זינדיגער פון אחאב'ן, וואָס מיר העלפט שוין ניט קיין תשובה?"

דאָס האָט ר' אלימלך'ן שטאַרק גערירט און ער האָט גע־ענטפערט, אַז ער זאָל וואַרטען אין לובלין ביז זיין ברודער ר' זושע וועט קומען, און זיי ביידע וועלען איהם אַרויסהעלפען.

יענער צדיק האָט זיך אין ליזענסק אויפגעהאַלטען איינינע חדשים ביז דער רבי ר' זושע איז געקומען. זיי האָבען איהם געגעבען אַן אמת׳ן תיקון פאַר זיין נשמה און ער איז געוואָרען אַן אמת׳ער בעל תשובה.

———:———

מה.

## דער יוד הקדוש פון פרשיסחא זי"ע

דער הייליגער יוד הקדוש פון פרשיסחא, זכותו יגן עלינו, האט אין זיינע יונגע יאהרען געוואוינט אין דער שטאדט אפט. ער איז דארט געווען אן איידעם פון א בעל־הבית וואס האט געהאלטען א גארזעלנע. דער יוד הקדוש האט זיך אין געשעפט נים געמישט, נאר איז געזעסען יומם ולילה און געלערענט. פון שטאדט האט מען געוואוסט, אז דעם גראזיעלנער׳ס איידעם איז א גדול בתורה און א הויכער יונגערמאן, אבער זיין גרויסקייט,

האָט מען גערעכענט, איז נאָר בנגלה פאַר קיין חסיד האָט מען איהם ניט גערעכענט. פאַרקעהרט. עס זיינען געווען פיעל באַווייזען געגען איהם, אַז ער האַלט זיך אין התנגדות געגען די חסידים. די ראיות זיינען געווען קלאָרע: ערשטענס, האָט מען קיינמאָל ניט געזעהן דעם יוד הקדוש זיך טובל זיין אין דער מקוה, און זאָגען אַז ער איז זיך טובל בצנעה האָט מען אויך ניט געקענט, ווייל די מקוה אין אַפּט איז געווען זעהר טיעף און מען האָט איהר קיינמאָל ניט געקענט דערוואַרימען. דעריבער איז קיין חסיד ניט געגאַנגען אליין אין מקוה, נאָר עס פלעגען זיך צוזאַמענקלייבען אַ קאָמפּאַניע חסידים, און מאַכען אַ פייער, זיי זאָלען זיך דערוואַרימען אַרויפגעהענדיג פון מקוה, און דעם יוד הקדוש האָט מען אין קיין קאָמפּאַניע ניט געזעהן. דערצו פלעגט ער אויך קיינמאָל ניט אָפּהיטען תפלה בזמנה מיט צבור און פלעגט דאַווענען אָפט ביחידות ביי זיך אין הויז.

און דער אמת, איז די התנהגות פון דעם יוד הקדוש געווען דאַמאָלט אַזוי: ער פלעגט זיך אויפהויבען האַלבע נאַכט און אַליין זיך טובל זיין אין מקוה קיין פייער פלעגט ער ניט מאַכען, נאָר לויפען געפרוירענערהייט גלייך אַהיים אָפּצוריכטען חצות. ער פלעגט זאָגען די תפלות מיט גרויס בכיות און דערנאָך געלערענט בנגלה ונסתר. פאַרטאָג צו פלעגט ער זיך צולייגען אַ ווילע אין בעט דערוואַרימען זיינע גלידער. ער פלעגט אַ ווילע איינשלאָפען און קומען אין בית המדרש שפּעטער פון אַלעמען און אין זיין פנים האָט מען אויך דערקענט אַז ער איז נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון שלאָף.

דער עולם האָט פון קיין זאַך ניט געוואוסט, און געהאַלטען אַז דער יונגערמאַן פון גאַרזעלנע איז ניט מדקדק בחסידות. ווייל אָבער ער איז געווען אַ גדול אין לערנען, האָבען זיי איהם זעהר געוואָלט האָבען פאַר אַ חסיד. און איהם געבעטען ער זאָל פאָהרען מיט זיי צום לובלינער רבי'ן.

דער יוד הקדוש האָט אָבער ניט געוואָלט צופיעל זיך מתקרב זיין מיט די חסידים, כדי מען זאָל נישט באַמערקען זיין באַהאַלטענע קדושה, און ער האָט זיי אָפּגעזאָגט, אַז ער וויל ניט פאָהרען צום רבי'ן.

דער יוד הקדוש האָט אין דער שטאָדט אָסטראָווצע געהאַט אַ חבר. דער חבר איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ מקובל און פלעגט פאָהרען צום נעשכיזער רבי'ן, ר' מרדכי זי"ע. דער חבר האָט יע געוואוסט פון דעם יוד'ס גרויסקייט. זיי האָבען אָפּגעמאַכט יעדע וואָך צו באַגעגענען זיך איינער מיט דעם אנדערען, איין וואָך אין אַפּט, די אַנדערע אין אָסטראָווצע און איבערגעבען איינער דעם אַנדערען אַלעס, וואָס זיי זיינען אין דער וואָך דערגאַנגען.

איינמאָל איז דער יוד הקדוש געקומען צו זיין חבר נאָך אָסטראָווצע נישט אין דער צייט, וואָס זיי האָבען אָפּגערעדט. אַז דער חבר האָט איהם דערזעהן, איז ער זעהר דערשראָקען געוואָרען און געפרעגט, וואָס איז געשעהן? האָט איהם דער יוד הקדוש געענטפערט:

„איך האָב די טעג זיך עוסק געווען בקבלה טיעפער ווי אַלע מאָל, און איך האָב דערגאַנגען, אַז כביכול אין הימעל נעמט קיינמאָל נישט אַוועק דעם צדיק פון דער וועלט, ווייל פאַר וואָס זאָל מען איהם נישט לאָזען לעבען און אָנטאָן דעם אויבערשטען אַ נחת רוח מיט זיין עוסק זיין אין דער הייליגער תורה. די הסתלקות קומט אויך אַזאַ אופן. מען ווייזט דעם צדיק אַזאַ הייליגע מדרגה אין צדקות, אַז עס ווייזט איהם אוים, אַז ער וועט בשום אופן נישט צוקומען צו דער מדרגה, כל זמן זיין נשמה איז אַרומגעשלאָסען מיט דעם ערדישען קערפער. דורך זיין אומנאַטירליכען השק צוקומען צו דער מדרגה, בעט ער אַליין כביכול זאָל איהם באַפרייען פון זיין גוף. מיר אויך, טייערער חבר, — האָט דער יוד גערעדט ווייטער — דוכט זיך,

אַז איך בין געקומען צו אַט דער מדרגה. נאָר אַזוי ווי איידער איך גיה בעטען פאַר די באַפרייאונג פון גוף, האָב איך מורא טאָמער מאַך איך אַ טעות, און איך וויל פאָהרען צו איינעם פון די גרויסע חסידים, ער זאָל מיר ווייזען דעם אמת, און לערנען וואָס צו טאָן.

אַז דער חבר האָט דאָס דערהערט, האָט ער איהם געענט־פערט:

„מיין ליבער חבר, הער מיך אויס און איך וועל דיר אַן אמת׳ע עצה געבען. כאָטש איך פאָהר צום רביין פון נעשכיז, נאָר די זאַך איז, אַז דער רבי פון לובלין איז מעהר מסוגל, און דורך איהם וועסטו צוקומען צו זעהן דעם אמת באספקלריא המאירה".

דעם יוד הקדוש איז די עצה זעהר געפעלען געוואָרען. ער איז צוריק געפהרען אין אַפּט, און אין דער פרי איז ער געגאַנגען אין בית המדרש אריין, און געפרעגט די לובלינער חסידים, אויב ווער פון זיי פאָהרט קיין לובלין, ווייל ער וויל מיטפאָהרען און ווערען אַ לובלינער חסיד.

אַז די חסידים האָבען דאָס דערהערט, האָבען זיי זיך זעהר געפרעהט. זיי האָבען דאָס איהם אַזוי פיעל מאָל געבעטען, און ער האָט זיי אַלץ אָפּגעזאָגט, איצט, האָבען זיי געטראַכט, אַז אַזאַ גרויסער גאון הויבט אָן געהן אין דעם חסיד׳ישען וועג, וועט ער געווים ווערען אַ גוטער איד, און די וועלט וועט האָבען אַ קיום אין זכות פון זיין תורה און חסידות.

זיי האָבען איהם צוגעזאָגט, אַז אויף דעם קומענדיגען שבת פאָהרען זיי קיין לובלין און זיי וועלען איהם מיטנעהמען.

דעם זעלבען שבת איז דער רבי פון לובלין געזעסען ביים טיש אַרומגערינגעלט פון זיינע חסידים און געגעסען. דערביי האָט ער זיי געזאָגט: „איך האָב געבעטען דעם בורא יתברך שמו: יפקוד ד׳ אלקי הרוחות לכל בשר איש על העדה". אַז ער,

יתברך שמו, זאָל מיר ווייזען ביי מיין לעבען, ווער עס וועט ממלא מקומי זיין, און וועט פיהרען מיינע ברידער אין די הייליגע חסידישע וועגען. האָט מען מיר געענטפערט פון הימעל, אַז דאָס וועט זיין אַ מענש וואָס וועט זיין ביי מיר, און וועט הייסען ווי איך״.

די חסידים האָבען נישט פאַרשטאַנען דעם רבי׳ס ווערטער, נאָר זיי האָבען געהאַלטען זיינע רייד הייליג ביי זיך אין האַרצען.

נאָך דעם שבת, האָבען די חסידים פון אָפּט צוליעב דעם טייערען אורח געדונגען אַ פוהר און זיינען מיט איהם מיטגע־פאָהרען נאָך לובלין. ווי זיי זיינען נאָר מיט איהם אַריבער־געטראָטען דעם לובלינער רבינ׳ס שוועל, האָט דער רבי געזאָגט:

„די גמרא אין יומא דף כ׳ זאָגט: „וכבר צוח אנא השם ונשמע קולו וכו׳״ (דער כהן גדול האָט אַזוי לאַנג געשריען אנא השם, ביז מען האָט צוגעהערט זיין קול).

הערענדיג די ווערטער האָט דער יוד הקדוש גלייך פאַר־שטאַנען, אַז דער רבי מיינט איהם, און ער האָט מרגיש געווען דעם רעיון און זיין מדרגה, וועגען וואָס ער האָט גערעדט מיט זיין חבר אין אסטראָווצע. דער יוד איז פון דעם געוואָרען זעהר נתפעל.

נאָכדעם איז דער לובלינער צדיק אויפגעשטאַנען פון זיין שטול און איז מיט אַ פרעהליך האַרץ און שמייכעלדיגען פּנים גלייך צוגעלאָפען צום יוד הקדוש, און איהם געגעבען שלום. זיי האָבען זיך אַרומגענומען מיט אַ שטאַרקע אהבה. דער לוב־לינער האָט געהייסען דעם משמש און יענער האָט שנעל צוגע־טראָגען אַ שטול און דער רבי האָט געהייסען דעם יוד הקדוש זיך זעצען און צו איהם געזאָגט בזה הלשון:

„יישר כחכם, וואָס איהר זייט צו מיר געקומען, ווען איהר זאָלט צו מיר איצט אין דער רגע ניט קומען, ווער ווייסט וואָס עס וואָלט מיט מיר געוואָרען, ווייל איך האָב געהאַט גרויס

עגמת נפש און בענקשאפט אייך צו זעהן. די מעשה דערפון איז אזוי: מען האט מיר פון הימעל מגלה געווען, אז דער מענש וואס וועט זיצען אויף מיין ארט, און פיהרען די אידען בדרך החסידות, וועט האבען מיין נאמען. היינט אינדערפריה איז צו מיר געקומען א מענש אנגעטאהן אין א טלית און דער אויס־זעהן כלפי חוץ איז אויך געווען פון א צדיק, און ער האט אויך געהייסען ווי איך, נאר אזוי ווי איך האב אנגעהויבען צו קלערען אז יענער זאל זיין דער ממלא מקומי, איז אויף מיר געפאלען א פינסטערע שרעק, אז איך האב קיין כח נישט געהאט צו שטעהן אויף מיינע פיס און נישט ריהרען מיט קיין אבר. מחמת דעם עגמת נפש וואס איך האב געהאט פון דעם. אבער איצט, דער־זעהענדיג אייך, בין איך ווי דערקוויקט געווארען. געלויבט איז דער אין הימעל, וואס האט מיר געוויזען דעם מענשען, וואס וועט נאך מיר פאשען די אידישע הייליגע שאף און וועט פיהרען מיין פאלק בדרכי החסידות.

האבען שוין אלע געזעהן דעם יוד'ס הייליגקייט און ער האט אנגעהויבען נתגלה צו ווערען.

---

מו.

# ר' אורי מסטרעלסק זי"ע

(וועלכע צוויי קיה זיינען איהם מפרנס)

דער הייליגער צדיק ר' אורי מסטרעלסק ז"ל, איז געווען אין אנפאנג, תיכף נאך זיין חתונה, זעהר ארים. ער פלעגט זיצען בייטאג און ביינאכט על התורה ועל העבודה, און זיין פרוי, די צדקת פריידע ע"ה, האט געטאן אלע שווערסטע אר־בייט, זיי זאלען זיך קענען מפרנס זיין. אבער אין דער שטאדט יאנוב, וואו זיי האבען געוואוינט, האבען זיי בשום אופן ניט געקענט פארדינען אויף פרנסה, און זיי זיינען אריבערגעפאהרען

קיין לעמבערג. אין לעמבערג האָבען זיי גענדונגען אַ קעלער־שטוב, זעהר אַן ענגע וואוינונג און די רביצין האָט אָנגעהויבען צו האַנדלען מיט גרינוואַרג און דערפון פאַרדינט אויף טרוקען ברויט.

זיי האָבען געליטען גרויס דחקות, אָבער קיין מענש האָט פון דעם ניט געוואוסט, ווייל זייערע פּנימ'ער זיינען שטענדיג געווען פרעהליך און מונטער.

אין קורצען איז ר' אורי'ן געבאָרען געוואָרען אַ זוהן, דער שפּעטערדיגער הייליגער צדיק ר' שלמה ז"ל. אַז עס איז גע־קומען צום ברית, האָט דער רבי ר' אורי מכבד געווען מיט סנדקאות דעם גביר ר' ליב מימעלס, וואָס איז געווען דעם לובּ־לינער רבינ'ס שוואָגער. דער ברית איז געווען אין בית המדרש. נאָך דעם ברית זיינען אַלע מענשען, ווי דער סנדק, דער מוהל און אַלע קרואים, געגאַנגען צו ר' אורי'ן אין הויז אויף אַ סעודת מצוה.

אַז די געסט זיינען אַריין אין הויז און האָבען דערזעהן די גרויסע אָרימקייט, זיינען זיי דערשראָקען געוואָרן. די הערצער האָבען זיי געקלעמט וואָס זיי האָבען גאָר פון ר' אורי'ס לאַגע פריהער ניט געוואוסט. אויך האָט די רביצין אָנגעהויבען צו וויינען, ווייל זי האָט זיך געשעמט, וואָס זי האָט ניט מיט וואָס צו מכבד זיין די געסט. ר' אורי איז אָבער געשטאַנען אַ פרעהלי־כער און געטרייסט נאָך די רביצין, זאָגענדיג:

„וואָס וויינסטו, דו נאַר איינע, צו דען ווייל מיר האָבען ניט פרנסה בריוח דאַרפען מיר זיך נישט פרעהען מיט אונזער זוהן, וואָס מיר האָבען איצט זוכה געווען איהם צו מל זיין?"

די געסט האָבען באַלד צוגעגרייט אַ סעודה, ווי ביי דעם גרעסטען גביר און אַלע האָבען זיך זעהר משמח געווען.

אויף מאָרגען נאָכ׳ן ברית, האָט דער גביר ר׳ ליב מימעלס געפרעגט ר׳ אורי׳ן, פון וואַנען איז ער זיך מפרנס? האָט איהם ר׳ אורי געענטפערט:

„איך האָב צוויי קיה, פון דיזע צוויי קיה שפּייז איך מיך מיט מיינע בני־בית“.

דער גביר האָט געוואָלט מהנה זיין דעם רבי׳ן, ר׳ אורי׳ן, האָט ער אָנגעזאָגט אין שטוב, אַז מען זאָל אין קיין אַנדער אָרט נישט נעהמען קיין מילך, נאָר ביי ר׳ אורי׳ן. די משרתת האָט גענומען אַ פּאָר קריגלאַך און איז אַוועק צו ר׳ אורי׳ס ווייב קויפען די מילך. די רביצין האָט זי אָנגעקוקט און נית פאַר־שטאַנען, וואָס די שפחה וויל פון איהר. אַז זי האָט איהר גע־זאָגט, אַז זי איז געקומען ביי איהר קויפען מילך, האָט זי געמיינט אַז זי מאַכט פון איהר חוזק און האָט צו איהר געאָגט, אַז זי מוז מאַכען אַ טעות, ווייל צייט נאָך דער חתונה האָט זי נאָך נישט געזעהן קיין טראָפּען מילך ביי זיך אין הויז.

די משרתת איז אַהיים געגאַנגען, און געזאָגט דעם בעל־הבית אַז עס איז אַ ליגען, ביי דעם רבי׳ן ר׳ אורי געפינט זיך נישט קיין קוה, און די רביצין האָט איהר אויך געזאָגט, אַז זי האָט שוין לאַנג נית געזעהן קיין טראָפּען מילך.

דער בעל הבית האָט זיך זעהר פאַרוואונדערט, און נית געקענט פאַרשטעהן, ווי קומט עס ר׳ אורי חסיד זאָל איהם זאָגען אַ ליגען, און האָט אַלץ געגלויבט בעסער ר׳ אורי׳ן, אַז ער האָט געווים צוויי קיה

אויף מאָרגען, האָט דער גביר איבערגעפרעגט ר׳ אורי׳ן וועגען זיינע קיה, און האָט איהם אויך דערצעהלט, אַז זיין רביצין זאָגט, אַז זיי האָבען גאָר קיין קיה נישט. אויף דעם האָט דער רבי ר׳ אורי געענטפערט:

„חס וחלילה, נישט איך און נישט די רביצין זאָגען ליגען. איך האָב טאַקע צוויי קיה, וועלכע זיינען מיר מפרנס, דאָס

זיינען: „כי" בו ישמח לבנו" און „כי" בשם קדשו בטחנו" פון דיזע צוויי קיה (כי) האָבען מיר חיונה, אָבער מיין רביצין האָט אויך ניט געזאָגט קיין ליגען, אַז זי האָט שוין לאַנג ניט געזעהן קיין טראָפּען מילך.

פון דאַמאָלסט אָן פלעגט דער גביר שיקען כסדר אַלע טאָג דער רביצין מתן בסתר, דער רבי זאָל ניטש וויסען, ווייל ר' אורי האָט ניט געוואָלט נעהמען קיין אומזיסטע געשאַנקען.

מז.

## את כספך לא תתן לו בנשך...

צום קאָצקער רבי'ן איז געקומען אַ פּראָצענטניק, אַ חסיד, אַ גרויסער למדן. בשעת ער איז אַריינגעקומען צום רבי'ן, האָט דער רבי געהאַלטען אין מיטען פּרק „איזה-נשך".

דער רבי האָט געהאַלטען אין מיטען שיעור.

בשעת דער רבי האָט דערזעהן דעם חסיד, האָט ער געטאָהן אַ געשריי — דיר מיינט עס דער פּסוק: „את כספך לא תתן לו בנשך"!

דער איד איז שטאַרק מבויש געוואָרן.

אַז דער רבי האָט געזעהן, ווי ער שטעהט אַזוי פאַרשעהמט, רופט דער רבי איהם צו: קום נאָר אַהער, האָסט געלערנט חומש? געדענקסט דעם פּסוק: את כספך לא תתן לו בנשך?

— וואָס איז דער טייטש „בנשך"? — זאָלסט נישט בייסען.

— וואָס מיינט די תורה מיט דעם וואָרט „בייסען"?

אַז איינער נאַרט אַזוי אָב אַ איד, ער נעמט ביי איהם צו זיין געלט — הייסט דען דאָס ניט געביסען? וואָס עפּעס נאָר ביי פּראָצענט האָט די תורה געזאָגט דאָס וואָרט בייסען?

קום אהער וועל איך דיר דערצעהלען א מעשה, וועסטו פאַרשטעהן דעם פשט פון פסוק:

„בשעת די אידען זיינען ארוים פון מצרים, האָבען זיי אָנ־געבאָרגט ביי די מצריים אַ סך גילדענע און זילבערנע כלים. ניט יעדער איד האָט געקריגען געבאָרגט.

האָט זיך געפונען איין איד אַ גרויסער למדן, וואָס האָט אַ סך זאַכען אָנגעבאָרגט ביי די מצריים, און ווען די אידען זיינען געווען אין די מדבר, האָט זיך דער איד געמאַכט אַ קרעמעל פון גאָלדוואַרג: טייערע פינגערלעך, טייערע אוירינג־לעך, טייערע בעכערס, און די אידען וואָס האָבען עפּעס באַ־דאַרפט האָבען פון די זאַכען, האָבען געמוזט אָנקומען צו איהם.

אין דער מדבר איז ניט געווען קיין געלט, מיט וואָס צו באַ־צאָהלען, אַז איינער האָט געוואָלט האָבען אַ פּאָר אוירענגלאַך פאַר'ן ווייב, צי אַ פינגערל, איז ער געקומען צו דעם איד; דער איד האָט ניט געוואָלט געבען בחנם, איז ער געפאַלען אויף אַ פלאַן: געבען אויף אַ „וועקסעלע".

יעדער ווער ס'האָט געוואָלט עפּעס קויפען, האָט געגעבען אַ וועקסעל: אַז אין ארץ־ישראל זאָל ער דעם „מלוה" באַ־צאָהלען פאַר'ן חפץ מיט פּראָצענט. אַנדערש האָט דער „מלוה" ניט געוואָלט באָרגען.

פערפאַלען, אַ ברירה האָבען זיי געהאַט.

דער „מלוה" האָט געמאַכט אַ סך „געשעפטען", געגעבען אויף „וועקסעלעך" מיט „פּראָצענט".

בשעת משה רבינו האָט מקבל געווען די תורה אויפ'ן באַרג סיני, און דערנאָך איהר איבערגעגעבען די אידען, האָט משה געקענט אַלע אידען פון די מדבר.

אַ קלייניגקייט, פערציג יאָהר זיין צוזאַמען.

ווען משה-רבינו איז געקומען צום פסוק: „את כספך לא תתן לו בנשך" האָט דער „מלוה" געטאָן אַ געשריי: איך באָרג ניט קיין געלד!

אַלע אידען האָבען געלאַכט.

שפּעטער ווען משה רבינו איז אַראָב פון בארג סיני, האָט זיך דער „מלוה" צוגעשטופּט צו משה'ן, ער איז דאָך געווען אַ איד אַ „למדן", ער האָט געוואוסט פון „היתר עיסקא'ס...." גע-וואָלט משה'ן אויפווייזען — אַז על פי דין מעג מען נעמען פּראָ-צענט מיט אַ „היתר-עיסקא"...

משה רבינו איז געווען אַ איד אַ חכם, האָט ער פאַרשטאַנען וואָס דעם איד קווטשעט.

זאָגט צו איהם משה: קום אַהער מיין זוהן, וועל איך דיר מפורש זיין דעם פסוק: „את כספך" — דיין זילבער, „לא תתן" זאָלסטו ניט געבען; „בנשך" — צו בייסען...

אפילו דו נעמסט אַ „היתר עיסקא", אפילו דו מאַכסט אַ הכשר, זאָלסטו נישט „בייסען", יענער דער באָרגער זאָל אויף דיר ניט וויינען, יענער זאָל אויף דיר ניט אַרבייטען פאַר דיינעט-וועגען, כדי דו זאָלסט זיצען און לערנען — און בייסען... ס'הייסט עסען!

יעדער מענש דאַרף אַרבייטען, „אדם לעמל יולד".

אַ מענש איז באַשאַפען געוואָרען צו אַרבייטען!

פּראָצענט הייסט — „בייסען", דו „בייסט" יענעמ'ס אַרבייט.

— דאָס, — פיהרט אוים דער רבי, — מיינט דער פסוק: „את כספך לא תתן לו בנשך": דיין געלד זאָלסטו ניט געבען אויף פּראָצענט יענער זאָל פאַר דיר אַרבייטען!

אַרבייט אַליין!